Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

הײנט 10 זײטען

נייער פאלקסבלאט

№ 133 | Łódź, Poniedziałek, 10 czerwca 1935 r. | דרייצענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, ט׳ סיון תרצ״ה | № 133

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

נעכטיגע פארלאמענט-וואלען אין גריכענלאנד

אטען, 9 (ספ. טעל.)

אין גריכענלאנד זענען היינט פארגעקומען וואהלען צו דער פאלקס פערזאמלונג. דער נייער פארלאמענט זאל זיך פערנעהמען מיט׳ן רעווידירען די קאנסטיטוציע. די אמאליגע רעפובליקאנישע פארטייען האבען זיך נישט בעטייליגט אין די וואהלען. די מאנארכיסטישע פארטיי גהט צו די וואהלען אונטער׳ן לאזונג פון צוריקשטעלען די מאנארכיע אין גריכענלאנד.

די נייע וואהל-ארדינאציע אין סיים-קאמיסיע

ווארשא, 9 (טעלעפאניש).

די קאנסטיטוציע-קאמיסיע פון סיים איז זיך נעכטען צוזאמענגעקומען אויף איהר ערשטע זיצונג. די קאמיסיע דארף איצט, ווי בעוואוסט, אדורכפיהרען א נעגויע דעבאטע איבער די איינגעטראגענע סאנאטארישע וואהל-פראיעקטען.

די נעכטיגע זיצונג איז געווען א קורצע. די קאמיסיע האט געהאט די אויפגאבע צו פעו-טיילען די רעפעראטען פון די איינגעטראגענע פראיעקטען.

די זיצונג האט בעפענט דער פארזיצער פון דער קאמיסיע פראפ. מאקאווסקי. ער האט זיך געווענדעט צו די מיטגלידער פון דער קאמיסיע, זיי זאלען פארשלאגען קאנדידאטען אויף רעפע-רענטען.

דער סאנאטארישער דעפוטאט טשומא שלאגט פאר, אז דעם געזעץ-פראיעקט וועגען די וואהלען פון פרעזידענט זאל רעפערירען וויצע-מארשאלעק צאר און אלע איבעריגע 3 פראיעקטען (די 2 סא-נאטארישע וועגען די וואהלען צום סיים און סע-נאט און דעם פ.פ.ס.ישען פראיעקט)—דעפ. פאדאסקי.

וויצע מארשאלעק צאר נעמט אן דעם רע-פעראט וועגען די וואהלען פון מלוכה-פרעזידענט, ער מיינט, אז דעם פ.פ.ס.ישען פראיעקט וואלט געדארפט רעפערירען א מיטגליד פון פ.פ.ס.ישען סיים-קלוב.

ס׳נעמט א ווארט דעפ. טשאפינסקי (פ.פ.ס.) ער שלאגט פאר, אז דעם פ. פ. ס.ישען פראיעקט זאל מען געבען צו רעפערירען דעם פארזיצער פון פ.פ.ס.ישען סיים-קלוב ניעדזשאלקאווסקי.

ס׳נעמט אויך א ווארט דער צנדעק פראפ וויניארסקי, וועלכער פערלאנגט, אז די קאמיסיע זאל ארויסרופען א רייה זאכקענער, וועלכע זאלען פארשטעלען דער קאמיסיע זייער מיינונג וועגען די איינגעטראגענע פראיעקטען.

אין סך-הכל איז געבליבען, אז די קאנסטי-טוציע-קאמיסיע וועט דינסטאג אויסהערען דעם רעפעראט פון דעפ. פאדאסקי וועגען די וואהלען צום סיים און סענאט. נאך דעם זעלבען טאג אדער צומארגענס וועט דעפ. ניעדזשאלקאווסקי רעפערירען דעם פ.פ.ס.ישען פראיעקט.

גענ. סטאכעוויטש נאמינירט אלס שעף פון גענעראל-שטאב

ווארשא, 9 (טעלעפאניש)

דער מלוכה-פרעזידענט האט נעכטען אונטערגע-שריבען א דעקרעט, לויט וועלכען גענעראל גאנשא-ראווסקי ווערט בעפרייט פון אמט פון שעף פון גע-נעראל-שטאב. גענעראל בריגאדי סטאכעוויטש איז נאמינירט געווארען אלס שעף פון גענעראל-שטאב.

ערד-ציטערניש אין טערקיי

סטאמבול, 9 (ספ. טעל.)

א שטארקע ערד-ציטערניש, וואס האט גע-דויערט 5 סעקונדען איז פארגעקומען אין ערצינדזאן (טערקישע ארמעניען). עס זענען איינגעפאלען איניגע הייזער. מענשליכע קרבנות זענען נישט פערצייכענט געווארען

אלפוילישער צוזאמענפאהר פון פסיכיאטארען

פלאצק, 9 (טעלעפאניש)

ביים אנטייל פון א צאהלרייכען עולם גאסט און פארשטעהער פון דער רעגירונגס-מאכט האט דא זיך געפענט דער 15טער אלפוילישער צוזא-מענפאהר פון דאקטוירים פסיכיאטארען.

געשטארבען דר. שמריהו לעווין

ירושלים, 9 (ספ. טעל.)

דא איז געשטארבען ד״ר שמריהו לעווין, דער בעקאנטער ציוניסטישער פובליציסט און רעדנער. ד״ר ש. לעווין איז אלט געווען 54 יאהר.

צוזאמענפאהר פון אינזשיניע-רען אין לעמבערג

לעמבערג, 9 (טעלעפאניש)

אין לעמבערגער פאליטעכניקום איז פארגע-קומען די ערעפנונג פון 9 צוזאמענפאהר פון אינ-זשיניערען-מעכאניקער אין פוילען.

גרויסע שרפה אין ווילנער קאנט

ווילנע, 8 (טעלעפאניש)

אין דארף מין, ווילנער פאוויאט, איז אויסגע-בראכען א שרפה, בעת וועלכער עס זענען פערברענט געווארען 20 וואוין-הייזער 23 שייערס מיט תבואה, 21 שטאלען. די שאדענס זענען קאלאסאלע.

שטורם איבער בולגאריען

סאפיא, 8 (ספ. טעל.)

איבער צפון-בולגאריען האט זיך דורכגעטראגען א שרעקליכער שטורם. אין רוסעל זענען ארויפגעריסען געווארען דעכער פון די הייזער. 3 פערזאן זע-נען דערהרג׳עט געווארען. 20 פערזאן זענען פער-רעט. דער דונאי איז ערטערווייז ארויס פון די ברע-געס און פערגאסען מעהרערע דערפער.

ענטוויקלונג פון דער יודישער נאציאנאל-היים אין יאהר 1934

בעריכט פון דער יודישער אגענץ פאר דער מאנדאט-קאמיסיע פון פעלקער-בונד

זשענעווע (יט״א) איבערגעהענדיג צו דער ענטוויקלונג פון יודישען ערציהונגס-וועזען אין א״י, ווערט אין בעריכט פון דער יודישער אגענץ פאר דער מאנדאט-קאמיסיע אנגעוויזען, אז דאס יאהר 1934 האט געגעבען א בעווייז, ווי ריכטיג עס איז געווען דאס איבערנעמען דעם שולוועזען דורך דעם ועד-הלאומי.

די צאהל קינדער אין אלע יודישע שולען האט אין בעריכטס-יאהר בעטראפען 44.829, מיט 7.418 מעהר ווי אין פריהערדיגען יאהר.

28.223 קינדער האבען בעזוכט די ועד-הלאומי-שולען, 15.677 — פריוואטע שולען און 929 יודי-שע קינדער האבען בעקומען אונטערריכט אין נישט-יודישע שולען (דערפון בלויז 47 אין רעגירונגס-שו-לען, די איבריגע אין פערשידענע מיסיאנערישע שו-לען).

די הויפט-אונטערריכט-שפראך אין אלע שו-לען איז העברעאיש. די יודישע שפראך ווערט גע-ברויכט בלויז אין געוויסע תלמוד-תורות, דאנענען אין די אכט שולען פון דער „אליאנס איזראעליט״ (מיט׳ן אויסנאהם פון דער אגראר-שול „מקוה ישראל״, וועלכע ווערט געפיהרט אינגאנצען אין העברעאיש), זענען די אונטעררירכטס-שפראכען פראנצויזיש און העברעאיש. אין דער עוועלין-ראט-שילד-שול (אויסגעהאלטען דורך דער „אנגלא-דזשו-איש אסאסייישאן) ווערט געלערנט ענגליש און העב-רעאיש, בעת אין א קליינער צאהל ספרדישע שולען איז די אונטערריכטס-שפראך פראנצויזיש אדער אראביש.

די וויכטיסטע פראפעסיאנעלע שולען זענען די יעניגע, וואס זענען געווידמעט דער אגראר-אויספיל-דונג. דאס לעצטע יאהר זענען ענטשטאנען צוויי נייע שולען פון דער קאטעגאריע — די כדורי-שול און די שול פון דער הסתדרות-האכרים.

דער אלגעמיינער בודזשעט פון ועד-הלאומי שו-לען האט בעטראפען העכער 194 טויזענד פונט. דע-רויף האט די יודישע אגענץ בייגעשטייערט 20 טוי-זענד, די א״י-רעגירונג העכער 26 טויזענד און יק״א אנ׳ערך 5 טויזענד.

די ענטוויקלונג פון יודישען שול-וועזען אין בע-ריכטס-יאהר איז געווען א גאנץ בעדייטענדע. שטע-רענד האט אבער געווירקט די נישט-גענוגענדע ביי-שטייערונג פון דער רעגירונג. תל-אביב און מעהרע-רע אלטע קאלאניעס דעקען אליין העכער 90 פראצ. פון זייערע שול-בודזשעטען. די יודישע בעפעלקע-רונג בעטרעפט אונגעפעהר 25 פראצ. פון דער גאנ-צער בעפעלקערונג, און עס וואלט בלויז געווען רעכט אז די רעגירונגס-הוצאות אויפ׳ן יודישען שול-וועזע-זען זאל פראפארציאנעל ענטשפרעכען דעם דאזיגען פראצענט. עס פיהלט זיך אויך א שטארקער מאנגעל פון שול-בנינים. פון דער לעצטער הלואה האט די רעגירונג בעשטימט 100 טויזענד פונט אויף ארא-בישע שול-בנינים, פאר יודישע שולען פעהלט אבער אזא פאזיציע, הגם דוקא לגבי דעם יודישען שול-וועזען איז די דאזיגע פראגע א מעהר-דרינגענדע.

זעהר שטארק האט זיך אין בעריכטס-יאהר ענט-וויקעלט די העברעאישע אוניווערזיטעט. די אוניווער-זיטעט האט איינגעלאדען פופצעהן יודיש-דייטשע געלעהרטע, שאפענדיג פאר זיי ארבייטס-מעגליכקיי-טען.

אין אקטאבער איז געלעגט געווארען דער גרונד-שטיין פון אוניווערזיטעטס-שפיטאל אויפ׳ן הר-הצו-פים. דאס דאזיגע שפיטאל וועט זיין דער אנהויב פון דער מעדיצינישער פאקולטעט. די אוניווערזיטעט האט אויך בעקומען א בעדייטענדען פאנד אויף דער גרינדונג פון אנ׳אינסטיטוט פאר קרעבס-פאר-שונגען.

אנדערע נייע איינריכטונגען פון דער אוניווער-זיטעט זענען: א קאטעדרע פאר אגראר-עקאנאמיע (געגרינדעט דורך דעם קק״ל), א לעקטאראט פון רא-מאנישע שפראכען און א בעזונדערער איטאליעני-שער לעקטאראט (א בעשטייערונג פון דער איטאליע-נישער רעגירונג) און דער ערשטער לעקטאראט פון א פעדאגאגישער פאקולטעט.

דער אקאדעמישער קארפוס פון דער אוניווער-זיטעט צעהלט היינט 32 מיטגלידער דערונטער 20 פראפעסארען 27 לעקטארען און 35 אסיסטענטען. אין לעצטען אקאדעמישען יאהר האט די צאהל סטו-דענטען בעטראפען 270. דער אלגעמיינער בודזשעט פון דער אוניווערזיטעט בעטרעפט אין אקאדעמי-שען יאהר 1934-35 א סומע פון 65 טויזענט פונט לגבי די 45 טויזענט אין פריהערדיגען אקאדעמישען יאהר.

די יודישע נאציאנאלע און אוניווערזיטעטס-ביבליאטעק האט זיך אין בעריכטס-יאהר שטארק בערייכערט און בעקומען פיל הויכווערטיגע ביכער-מתנות בעזונדערס פון דייטשלאנד און פוילען. די ביבליאטעק צעהלט אנ׳ערך 320 טויזענד ביכער. דערפון זענען 287 טויזענד קאטאלאגירט. די מעדי-צינישע אפטיילונג פון דער ביבליאטעק איז די רייכס-טע אויפ׳ן נאהענטסטען מזרח. די ביבליאטעק האט בעקומען די ביכער-זאמלונג פון ד״ר חיים ארלאזא-ראוו, און אויף זיין נאמען איז געגרינדעט געווא-רען אנ׳אפטיילונג פון ליטעראטור איבער קאלאני-זאציע. די ביבליאטעק האט געגרינדעט א ספעציעלע ח. נ. ביאליק-סעקציע. אין 1934 האט די ביבליאטעק אויסגעליהען 37 טויזענד ביכער. די צאהל רעגים-טרירטע לעזער בעטרעפט העכער 11 טויזענט.

דאס בעריכטס-יאהר איז געווען א יאהר פון בסדרדיגער ענטוויקלונג פאר׳ן חיפה׳ער טעכניקום. די צאהל סטודענטען איז אין 1934 געשטיגען פון 172 אויף 230. עס האבען זיך אויך ענטוויקעלט די טעכנישע אווענד-קורסען ביים טעכניקום — די צאהל צוהערער איז געוואקסען פון 72 אויף 91.

איבערגעהענדיג צו קהלה-ענינים, ווערט געזאגט אין בעריכט, אז דער ועד הלאומי האט ווייטער אוים געפיהרט די פונקציעס פון א רעפרעזענטאנץ פון דעם יודישען ישוב אין די בעציהונגען מיט דער רע-גירונג. די פראגע וועגען א רעגירונגס-סובווענץ פאר דער רבנות הראשית און בתי-דין (לויט דעם מאדום פון דער סובווענץ פאר׳ן מוסולמענישען ראט און מוסולמענישע רעליגיעזע געריכטען) איז געווען דער געגענשטאנד פון פערהאנדלונגען צווישען ועד הל-אומי און דער א״י-רעגירונג, און הגם דער ענין איז שוין געווען בעהאנדעלט אין דער מאנדאט-קאמי-סיע, איז ער אבער נאך נישט רעגולירט געווארען.

בעהאנדלענדיג די פינאנס-פראגע, ווערט אין בעריכט מיטגעטיילט וועגען דער האלב-מיליאן פונט-הלואה, וואס די יודישע אגענץ האט בעקומען צו-זאמען מיט׳ן קרן-היסוד. ווייטער ווערען איבערגע-געבען ציפערן איבער דער פינאנס-לאגע פון פערשי-דענע אנדערע אינסטיטוציעס זענען אין משך פון יאהר געוואקסען ביז העכער 2 און א האלב מיליאן פונט

עס ווערט געשאצט, אז אין משך פון יאהר איז אין פערשידענע אונטערנעהמונגען דורך יודען איני-וועסטירט געווארען א קאפיטאל פון אנ׳ערך 10 מיליאן פונט.

דער ווירטשאפטליכער וואוילשטאנד האט אויך געפונען זיין אויסדרוק אין די הכנסות פון דער רע-גירונג, וועלכע האט פערגרעסערט איהר בודזשעט-עודף ביז אנ׳ערך 4 מיליאן פונט.

אין בעריכטס-יאהר ביז סוף סעפטעמבער 1934 האבען די הכנסות פון קרן-היסוד בעטראפען 242.865 פונט, דערונטער העכער 200 טויזענד אויף אלגעמיינע צוועקען, 38 טויזענד פאר דער קאלאני-זאציע פון דייטשע יודען און 4 טויזענד פונט פאר׳ן ארלאזאראוו-פאנד.

זייט דער גרינדונג פון 1921 האט דער קרן-היסוד געזאמעלט א סומע פון 5 מיליאן 152 טוי-זענד 257 פונט.

בעדייטענד זענען אויך געשטיגען די הכנסות פון קרן-קימת, וועלכע האבען אין בעריכט-יאהר אויסגעמאכט 263.428 פונט. די אלגעמיינע הוצאות פון די ציוניסטישע אינסטיטוציעס אין א״י אין בע-ריכטס-יאהר האט בעטראפען א סומע פון 650.100 פונט.

(סוף)

הוי נפלה עטרת ראשנו; אחרי מחלה כבדה שבקה חיים לכל חי האשה הצנועה והחשובה

נ״ע אסתר שלעזינגער
אשת ר׳ ישראל יהושע נ״י
בת ר׳ חיים מענדיל ווינטער ז״ל בשנת 70 לימי חי׳

הלוי׳ למנוחת עולמים תהי׳ היום, יום ב׳ ט׳ סיון, בשעה 1 בצהרים, מבית האבל פיעטריקאווער 62.

משפחתה המתאבלת.

ראַטיפֿיצירט דעם טשעכיש-סאָוויעטישן אָפּמאַך

מיניסטער בענעש'ס וויזיט אין מאָסקווע

מאָסקווא, 9 (ספּ. טעל.)

„טאַס" מעלדעט: בעת מינ. בענעש'ס בעזוך ביים קאָמיסאַר ליטווינאָוו איז פֿאָרגעקומען דער אויסטויש פֿון די ראַטיפֿיקאַציע-דאָקומענטן פֿון פּאַקט פֿון געגנזייטיגער הילף צווישן טשעכאָסלאָוואַקיע און ראַטנפֿערבאַנד, ווי אויך פֿון ראַטיפֿיצירטן האַנדעלס-אָפּמאַך און אַנדערע פֿאַרשטענדיגונגען צווישן ביידע לענדער.

נאָכדעם איז פֿאָרגעקומען אַ פֿריינדליכער שמועס צווישן ליטווינאָוו'ן און בענעש'ן.

מיניסטער בענעש אין וואַרשע

וואַרשאַ, 8 (טעלעפֿאָניש)

נעכטן איז, אויף דער דורכרייזע קיין מאָסקוואַ, געווען אין וואַרשאַ אין משך פֿון 2 שעה דער טשעכאָסלאָוואַקישער אויסערן-מיניסטער בענעש.

אויפֿ'ן הויפּט-וואָקזאַל איז מינ. בענעש אָפּגעוואַרט געוואָרן דורך פֿאָרשטעהער פֿון דער טשעכישער געזאַנדשאַפֿט אין וואַרשאַ. מינ. בענעש און פֿרוי האָבן בעזוכט די שטאָט און צוריקפֿאָהרענדיג, איז מינ. בענעש אויפֿ'ן מזרח-וואָקזאַל אָפּגעוואַרט געוואָרן דורכ'ן פֿאָרשטעהער פֿון מינ. בעק, ראַטגעבער מאַרשדין און דעם סאָוויעטישן אַמבאַסאַדאָר דאַווטיאַן און אַ פֿאָרשטעהער פֿון דער רומענישער געזאַנדשאַפֿט.

מיט'ן בערלינער צוג איז פֿון פּראָג געקומען דער סאָוויעטישער געזאַנדטער אַלעקסאַנדראָווסקי, וועלכער בעגלייט דעם מינ. בענעש קיין מאָסקווא. בענעש וועט ווײַלן אין מאָסקווא 4 טעג.

„אָרט" אָרגאַניזירט קורצטערמיניגע קורסן פֿאַר האַנדווערקער

היות פֿיל יודישע האַנדווערקער דאַרפֿען נאָך האַלטען עקזאַמענס און זענען דערצו נישט צוגעגרייט, האָט „אָרט" איינגעאָרדענט קורץ טערמיניגע קורסען פֿאַר אַלערלעי בעלי-מלאכות.

דערווייל זענען אין וואַרשע אָרגאַניזירט געוואָרן קורסען פֿאַר פֿליישערס און קצבים, וועלכע ווערען אויך פֿערעכענט, אויפֿ'ן יסוד פֿון געזעץ אַלס האַנדווערקער און מוזען בעלעגען עקזאַמענס. אויך זענען איינגעאָרדענט געוואָרן קורסען פֿאַר שניידער און אינגיכען דאַרפֿען געעפֿענט ווערען אויך פֿאַר אַנדערע פֿאַכן אַלערלעי קורצטערמיניגע קורסען, וואָס דויערן סה״כ דריי חדשים און גרייטען צו די האַנדווערקער צו די נויטיגע עקזאַמענס. דער אינטערעס צו די קורסען איז גרויס. (יטא)

100 גראַנאַטען אין 1 מינוט
שיסט אויס אַ נײַער ענגלישער האַרמאַט

לאָנדאָן, 9 (ספּ. טעל.)

דורכ'ן ענגלישען קריגס-פּלאַט ווערט זינט איינעגע חדשים אויסגעפּרובט אַ נײַער טיפּ פֿון אַ מאַשין, וואָס זאָל געגנווירקען די אַטאַקעס פֿון באָמבען-עראָפּלאַנען אויף קריגס-שיפֿען.

איצט גיט איבער דער „דיילי טעלעגראַף" אַ רייהע אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דער מאַשין, וועלכע איז, לויט דער מיינונג פֿון די אָפֿיצירען פֿון קריגס-פּלאַט, אַ רעוואָלוציאָנערע ערפֿינדונג אויפֿ'ן געביט פֿון שוץ קעגען נידריג-פֿליהענדע באָמבען-עראָפּלאַנען. דער „וואונדערבאַרער" האַרמאַט, וואָס זאָל געגנווירקען די לופֿט-אַטאַקעס פֿון די באָמבען-עראָפּלאַנען איז אַזאַ מחבל פֿון אַ מאַשין-ביקס, וואָס האָט עטליכע „לופֿעס" און וואַרפֿט אַרויס 100 גראַנאַטען דורך 1 מינוט. די שאָסען פֿון דעם נײַ-ערפֿונדענעם האַרמאַט זענען פֿיל העכער, ווי עס פֿליהען די באָמבען-עראָפּלאַנען.

פֿערשיקט קיין סיביר

מאָסקווא, 8 (ספּ. טעל.)

אין אַלע היינטיגע צייטונגען איז פֿערעפֿענטליכט געוואָרען אַ בעשלוס פֿון צ. ק. פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וועגן רעם, אַז דער געוו. סעקרעטאַר פֿון צ. ק. יענוקידזאַ איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פֿון צ. ק. פֿון דער פּאַרטיי און איז בעזייטיגט געוואָרען פֿון די קאָמוניסטישע רייהען צוליב פּאָליטישער און פּערזענליכער צולאָזענקייט.

בערלין 8 (ספּ. טעל.)

דאָס דייטשע אינפֿאָרמאַציע-ביוראָ אינפֿאָרמירט פֿון מאָסקווא, אַז יענוקידזאַ ווערט פֿערשיקט קיין באַדייבאַ (אין אירקוטסקער גובערניע, סיביר).

יודיש טעאַטער „פֿילהאַרמאָניע" נאַרוטאָוויטשאַ 20

היינט מאָנטאַג — 2 פֿאָרשטעלונגען 2

פֿון 45 גר. גאַלעריע ◆ פֿאָלקס-פּרייזען ◆ ביז 99 גר. גאַנצער פּאַרטער

נאָכמיטאָג און אָוונד

היינט, 4,30 נאָכמיטאָג פֿרײליכע אָפּערעטע

„יודעלעס בר-מצוה"

אין 3 אַקטען מיט פּראָלאָג מיט געזאַנג און טאַנץ פֿון טאָמאַשעווסקי,

היינט, 9,30 אָוונד די אויסנעמיגע פּיעסע

ד"ר מאַסקירטער (פֿרויען-הענדלער)

אין 3 אַקטען מיט געזאַנג פֿון סיגעל; צום שלוס אַ קאָנצערט-אָפּטיילונג מיט'ן אַנטייל פֿון אַרטיסטען אַנסאַמבל פֿון פֿילהאַרמאָניע ווי אויך די 12 יעהריגע לאַלאַ אַמזעל.

בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פֿון „פֿילהאַרמאָניע".

אַטענטאַט אויפֿן אַביסינישן קיסר

רוים, 9 (ספּ. טעל.)

די פּרעסע ברענגט אַ ידיעה וועגן אַן אָרגאַניזירטען אַטענטאַט אויפֿ'ן אַביסינישען קיסר אין שכנות פֿון דער באַהן-סטאַציע אַפּדען.

ווען דער צוג, וועלכער האָט געפֿיהרט דעם קיסר פֿון האַראַר און איז דורכגעפֿאָהרען די סטאַציע אַפּדען, האָט דער מאַשיניסט בעמערקט אויף די שינעס אַ המון און ער האָט תיכּף געגעבען אַן אַלאַרם-סיגנאַל. פֿון צוג זענען דאַן אַרויסגעשפּרונגען די מיטגלידער פֿון דער קייזערליכער מיליטערישער וואַך. בעוואָפֿענט מיט האַנד- און מאַשין-ביקסען, זעהענדיג די מיליטערלייט האָבען די אָנפֿאַלער אַטענטאַטער גענומען אַנטלויפֿען.

נאָכ'ן ברענגען אין אָרדנונג די צושטערטע רשינעס איז דער צוג ווייטער געפֿאָהרען.

די אַטענטאַטער זענען געווען אין אַ צאָהל פֿון 2000 מוסולמענער.

אויף וואָס וועט פֿערברויכט ווערן די אינוועסטיציע הלוואה?
בעשלוסן פֿון עקאָנאָמישן קאָמיטעט ביים מיניסטאָרען ראַט

וואַרשאַ, 9 (טעלעפֿאָניש)

אונטערן פֿאָרזיץ פֿון פּרעמיער סלאַוועק איז פֿאָרגעקומען אַ זיצונג פֿון עקאָנאָמישען קאָמיטעט פֿון מיניסטאָרען-ראַט. עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס פֿונאַנדערצוטיילען די סומע, וואָס איז איינגעפֿלאָסען פֿון דער 3 פּראָצ. אינוועסטיציע הלוואה אין דער הויך פֿון 152 מיליאָן 300,000 זל. 50 מיליאָן וועלען געהן אויף צו בויען וועגען, 25 מיליאָן אויף צו בעשעפֿטיגען אַרבייטסלאָזע דורך די זעלבסטפֿערוואַלטונגען, 24 און אַ האַלבען מיליאָן אויף אַגראַר-אינוועסטיציעס, 13 מיליאָן אויף ים-צוועקען און פֿאַר-איינריכטונגען, אויף עלעקטריפֿיקאַציע 31 מיליאָן 800,000 זל. 8 מיליאָן אויף פֿערשידענע אַנדערע צוועקען ווי בילדונג, יוסטיץ-עבֿיניב א.ד.ג.

דינסטאַג, דעם 11 יוני קומט פֿאָר אין זאַל „פֿילהאַרמאָניע" אַ גרויסע אַקאַדעמיע איבער בעזמאַן

געווידמעט דעם אָנדענק פֿון פֿערשטאָרבענעם לאַנגיעהריגען יודישען טעאַטער-דירעקטאָר

פֿון די לאָדזער טעאַטערן.

אָבער-קאַנטאָר פֿון דער סינאַגאָגע ה׳ לוואָוויטש. סינאַגאָגען-כאָר אונטער דער לייטונג פֿון דיר. דאַרגוזשאַנסקי.

פֿערגרעסערטער פֿילהאַרמאָנישער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פֿון דיר. טעאָדאָר רידער.

אין דעם אָוונד בעטייליגען זיך אַלע יודישע און פּוילישע אַרטיסטען

אָרגאַניזיר-קאָמיטעט

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער קאַסע פֿון „פֿילהאַרמאָניע" פֿון 11 ביז 2 און פֿון 5 ביז 7 אָוונד.

צוטרוי אין אייגענע כּוחות

דער אַמביציעזער וועג אין לעבען פֿאַר אַ אַרבעטס-מענש איז דאָס גלויבען אין איינענע כּוחות. דאָס, וואָס דער מענש אַרבעט אויס מיט איינענע ענערגיע און פֿאַרזיכטיגקייט, דאָס בלייבט איהם. אָבער עס זענען דאָ געביטען, אין וועלכע מען קען און מען דאַרף האָבען צוטרוי צום צופֿאַל און מען דאַרף זיך פֿערלאָזען אויף גליק אָדער אויף אַ גליקליכע מינוט.

אויב דער מענש קויפֿט זיך אַ לאָס פֿון דער מלוכה-לאָטעריע, איז עס נישט אין געגענזאַץ מיט'ן פּרינציפּ, אַז מען דאַרף זיך פֿערלאָזען אויף איינענע כּוחות. דאָס איז פּשוט, מען זוכט אַ שטיקעל גליק אין לעבען חוץ דער אַרבייט. אויב דאָס געלינגט און מען געווינט — וואָס פֿאַר אַ הערליכע פּערספּעקטיוון! אויב עס געלינגט דערווייל נישט און מען געווינט נישט — פֿיהרט עס איהם נישט אַראָפּ פֿון דער פּרינציפּיעלער ליניע, ווײַטער ווײַל רו׳פֿט-יסוד עס איז אַרבעט.

אָבער צי קען דאָס גליק אין פֿאָרם פֿון אַ סך געלד טרעפֿען צו איהם, אויב ער בעזיצט נישט קיין לאָס? קיין זאַך אין לעבען שאַפֿט זיך נישט אַליין.

אַז די בערעכענען זענען יעצט אַקטועל קרב דער ציהונג פֿון דער 1-טער קלאַס פֿון דער 33-טער לאָטעריע. וועלכע הויבט זיך אָן דעם 19-טען יוני. אין דער לאָטעריע זענען די מעגליכקייטען צו געווינען פֿיל גרעסערע. — ווי גרעניצען זיך נישט בלויז צו דער ציהונג פֿון די 4 קלאַסען.

פֿאַר די, וועלכע האָבען אין אַלע 4 קלאַסען נישט געוואונען, וועט דעם 20. דעצעמבער פֿאָרקומען אַ צוגאָב-חנוכּה-ציהונג. דער געוויין אין דער ציהונג קאָסט גאָרנישט. די געווינסען וועלען אויסגעצאָהלט ווערען נאָכ'ן פֿעוויזען דעם לאָס פֿון דער 4-טער קלאַס. מען דאַרף שוין די לאָסען, אויך נאָך דער ציהונג, בעהאַלטען. —

זומער-קאָלאָניע פֿון „נותן-לחם"

יונגלעך אין שול-עלטער, וואָס ווילען גענימען פֿון דער זומער-קאָלאָניע אין פֿערשטען סעזאָן, דאַרפֿען זיך תּיכּף ומיד איינשרייבען אין קאַנצעלאַריע (סאָלנאַ 14).

פֿאַר גאָרד, ביזשוטעריע און אַ זבאָרד-הוויטעס צאָהלט די העכסטע פּרייזען

איזידאָר פּיאַלקאַ
פּיעטריקאָווער 7

אויערן, נאָז און האַלז קליניק
מיט בעטען פֿון Dr. Z. Rakowski

פּיעטריקאָווער 67. טעל. 127-81

נעהמט אָן שטענדיגע קראַנקע (צוזאַמען) אָפּעראַציע א. ז. וו. ווי אויך אַמבולאַטאָרישע פֿון 9—2 און פֿון 4—8 אָוונט.

כעמיש-באַקטעריאָלאָגישער לאַבאָראַטאָריום

פּ. שאַץ, לאָדז, פּיעטריקאָווער 37

פֿיהרט דורך זעמטל. ערצטליכע אַנאַליזען פֿון אורין, בלוט, פֿלעגמע א. א.

שנעל-דרוקערײַ בראָמבערג
צעגעלניאַנאַ 8. טעל. 255-09

פֿיהרט אויס:
בריוו-בויגען, קאָנווערטען, רעכנונגען, קוויטאַנציעס, פֿערלאָבונגס- און חתונה-קאַרטען, וויזיט-קאַרטען, פֿירמע- און קאָנטאָ-עטיקעטען, שטרימל-באַנדראָלן

רעעל !!! מאָדערן און שנעל און ביליג

דער פֿאָטאָגראַפֿישער אַטעליער „POLONJA"
גדאַנסקאַ 31

גיט אַלעם פּרעמיע אויף אַ קורצע צייט
7 רעטושירטע פֿאָטאָגראַפֿיעס
מיט אַ פֿערגרעסערונג נאָר פֿאַר 1.50

פֿאַר יודען, וואָס פֿאָהרען נאָך פּאַלעסטינאַ, ווערט אויסגעפֿערטיגט אַלע אַרט פּאַס-פֿאָטאָגראַפֿיעס שנעל, גוט און ביליג.

בעמערקונג: גרויסע בילדער מאַך איך צו זעהר נידריגע פּרייזען.

מיט אַכטונג
אינהאָבער: גוטערמאַן
לאָדז, גדאַנסקאַ 31.

Dr. med.
Leon Familier
אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען
6. שערפֿיען 37 (בענעדיקטאַ)
נעהמט אָן פֿון 5—7 נאָכמ.

לאָדזער יודישער לאַסקאַמערן און כובלאַסטאַמערן-פֿעראיין
געפֿינט זיך
אויף פּיעטריקאָווער 31, וו. 22
טעל. 264-38

דער סעקרעטאַריאַט איז טעטיג טעגליך, פֿון 6 ביז 9 אָוונד. ס'ווערען געשריבען ביטעס ערטיילט עצות, אויסגעגלייכט סכסוכים און געפֿיהרט כּל׳ערליי דינים און עקסמיסיע-פּראָצעסען.

Dr. med.
Haltrecht
ספּעציאַל-אַרצט פֿאַר הויט- און געשלעכטס-קראַנקהייטען
פּיעטריקאָווער 10, טעל. 245-21
נעמט אָן פֿון 11 פֿריה ביז 2 מיטאָג און 5—9 אָוו.
זונטאָג פֿון 10—1 מיטאָג
עלעקטראָ אַנאַליזען.
פֿאַר אונבעמיטעלטע לעמשניצע-פּרייזן
פֿאַר פֿרויען אַ ספּעציעלער וואַרטע-זאַל.

אויטאָגענישע שווייסונגען
מעטאַל-בעאַרבייטונגען
שלאָסעריי-אַרבייטען
מאַשינען-טיילען
און ווערקצייג
פֿירט אויס ביליג
J. REDER, Łódź
11-טער ליסטאָפּאַד 11-13

קאָנפֿערענץ פֿון צעירי אגודת ישראל אין וואַרשא

די קאָנפֿערענץ וועט דויערען דריי טעג

וואַרשאָ, 9 (יט"א טעלעפֿאָניש)

היינט איז אין וואַרשאָ געעפֿענט געוואָרען די קאָנפֿערענץ פֿון „צעירי אגודת ישראל". געקומען זענען 300 דעלעגאַטען פֿון 250 שטעט. געעפֿענט די קאָנפֿערענץ האָט דער פּרעז. פֿון די צעירים, הרב צבי הירשהאָרן פֿון יאַוואָזשנע. פֿאַר'ן צו־טרעטען צו דער טאָג־אָרדנונג, האָבען די דע־לעגאַטען בעעהרט דעם אָנדענק פֿון פֿערשטאָרב מאַרשאַל פּילסודסקי מיט אויפֿשטעהען פֿון די ערטער. די קאָנפֿערענץ וועט דויערען דריי טעג.

אויף דעם צוזאַמענפֿאָהר פֿון די צעירי אגודת ישראל זענען רעפּרעזענטירט 50,000 אָרגאַניזיר־טע מיטגלידער פֿון גאַליציען, קרעסען און קאָנ־גרעס־פּוילען. צווישען די דעלעגאַטען זעהט מען פֿערשידענע מינים צעירים: אַזעלכע, וואָס טראָגען ספּאָדקעס, אַזעלכע וואָס זענען אָנגעטון אין יו־דישע הימלען און אין קאַפּעלושען. מען זעהט צעי־רים, וואָס טראָגען בערד, וואָס זענען געצוויקט און אַזעלכע ,וואָס זענען געראַזירט.

אין פּרעזידיום פֿון צוזאַמענפֿאָהר זיצען צווי־שען אַנדערע דער לאָדזער אַדוו. רייכמאַן, די רבנים פֿון אָפּאָלע, סווערדין און די צוויי 12־יעהריגע סטראָצקער רבי'לעך, וועלכע פּראַוועןע רבי'סטווא און האָבען חסידים פֿון פֿערשידענע עקען אין פּוילען.

ביים עפֿענען דעם צוזאַמענפֿאָהר האָט דער רב הירשהאָרן פּראָטעסטירט געגען די בלבולים, וואָס ווערען געמאַכט אויף די צעירי אגודת ישראל, בכן צווישען זיי זענען פֿאָרגעקומען שפּאַלטונגען, מיר האָבען עקזיסטירט — האָט אויסגערופֿען דער יאַוואָזשנער רב — נאָך איידער עס איז געווען די סערטיפֿיקאַטען־מאָדע. מיר ווילען ווייטער עק־זיסטירען. פּונקט ווי די יודען האָבען ביי מתן־תורה געזאָגט נעשה ונשמע, דאַרפֿען מיר איצט אַזוי טון.

נאָכדעם ווי דער סווערדינער רב לאַנגלעבען זאָגט אַ שטיקעל תורה, שטעלט זיך דער עולם דאַווענען מנחה.

בעגריסונגען זענען אָנגעקומען פֿון דער אַגודת ישראל אין פּוילען, פֿון דער וואַרשאָווער קהלה, פֿון דער אגודה אין א"י א. א.

מאָרגען ,מאָנטאָג, וועט דער לאָדזער דעלעגאַט יעקב בערלינער, האַלטען אַ רעפֿעראַט וועגען די צעירי אגודת ישראל אין דער גאַנצער וועלט.

אויך הרב דעפּ. לעווין וועט אויפֿ'ן צוזאַמענ־פֿאָהר אַרויסגעטרעטען מיט אַ רעפֿעראַט.

קאָנפֿערענץ פֿון ציוניסטישע האַנדווערקער

נעכטען געעפֿענט אין וואַרשא

וואַרשאָ, 9 (יט"א טעלעפֿאָניש)

היינט האָט זיך געעפֿענט די קאָנפֿערענץ פֿון די ציוניסטישע האַנדווערקער. געקומען זענען 220 דעלעגאַטען פֿון 135 שטעט. פֿון לאָדז האָט די קאָנפֿערענץ בעגריסט אַ פֿערטרעטער פֿון האַנדוו. פֿערבאַנד (פּילסודסקיעגאָ 69) ליבערמאַן.

רעפֿעראַטען האָבען געהאַלטען: קליינבוים, גערעכט, גראַוויצקי, רייס א. אנד.

פֿאַר'ן עפֿענען די קאָנפֿערענץ, האָבען די פֿערזאַמעלטע בעעהרט דעם פֿערשטאָרבענעם מאַר־שאַל פּילסודסקי מיט אויפֿשטעהען פֿון די ערטער.

צום צוזאַמענפֿאָהר פֿון דעם החלוץ בעל־מלאכה זענען אָנגעקומען בעגריסונגען פֿון פּאַ־לעסטינאַ־אַמט. פֿון ציוניסטישען צ.ק. פֿון קרן־קימת און פֿון פֿיל אַנדערע ציוניסטישע אינס־טיטוציעס.

אויפֿ'ן צוזאַמענפֿאָהר וועלען געהאַלטען ווערען רעפֿעראַטען וועגען די צילען און אויפֿגאַבען פֿון החלוץ הבעל־מלאכה.

ווייטערע רעזולטאַטען פֿון רעוויזיאָניסטישען פּלעביסציט

וואַרשאָ, 9 (יט"א טעלעפֿ.)

די רעוויזיאָניסטישע פּלעביסציט־קאָמיסיע בע־קומט ווייטערע ידיעות פֿון דעם רעזולטאַט פֿון פּלעביסציט.

אין ארץ־ישראל זענען אָפּגעגעבען געוואָרען 6100 שטימען „יאָ" און 200 שטימען „ניין".

אין ניו־יאָרק 1090 שטימען „יאָ". 62 „ניין".

אין פּאַריז 369 „יאָ" 20 „ניין".

אין געזונד־צושטאַנד פֿון סטריקאָווער רבי'ן

איז איינגעטרעטען אַ פֿערערגערונג

ירושלים, 9 (יט"א טעלעגראַפֿיש)

אין געזונד־צושטאַנד פֿון סטריקאָווער רבי'ן, איז ווידער איינגעטרעטען אַ פֿערערגערונג. די דאָקטוירים האַלטען די לאַגע פֿאַר זעהר ערנסט.

יודישער קרבן פֿון די אוואַנטורעס אין גראָדנע

איז נעכטען געשטאָרבען פֿון די וואונדען

גראָדנע, 9 (יט"א טעלעפֿ.)

דער 21 יעהריגער ישראל בערעזאָווסקי, וועל־כער איז בעת די לעצטע גאַסען־אַוואַנטורעס גע־שטאָכען געוואָרען, איז היינט פֿון די וואונדען געשטאָרבען.

דער דערמאָרדעטער איז אַ זוהן פֿון דיריגענט פֿון דער אָרטיגער גרויסער שוהל.

דער האָלענדער, וואָס האָט פֿערשלעפּט אַ פּליט איבער דער דייטשער גרעניץ

פֿערמשפּט אויף אַ יאָהר תפיסה

אַמסטערדאַם, 9 (יט"א טעלעגראַפֿיש)

דער האָלענדער ,וואָס האָט זיך בעטייליגט אין פֿערשלעפּען דעם פּליט גוטצייט איבער דער דייטשער גרעניץ קיין דייטשלאַנד ,איז פֿערמשפּט געוואָרען אויף 1 יאָהר תפיסה.

פּויליש־ארץ ישראל'דיגע האַנדעלס־קאַמער

אויפֿן מאַרשאַל פּילסודסקיס רעגסמאַל

די פֿערוואַלטונג פֿון דער פּויליש־א"ידיגער האַנדעלס־קאַמער האָט בעשלאָסען צו בעשטימען 100 זל .אין רשות פֿון הויפּט־קאָמיטעט פֿאַר דער בעעהרונג פֿון אָנדענק פֿון מאַרשאַל פּילסודסקי. די קאַמער גיט אויך אַרויס אַ ספּעציעלען טרויער־נומער פֿון איהר אָפֿיציעלען אָרגאַן „א"י און דער נאָהענטער מזרח". (יט"א)

קאָנסטרוקטיווע קרובים־הילף דורך „אָרט"

אַ דאַנק די פֿערבינדונגען פֿון די „אָרט"־אָר־גאַניזאַציעס אין פֿערשידענע לענדער, האָט „אָרט" אויך אַ מעגליכקייט דורכצופֿיהרען קאָנסטרוקטיווע קרובים־הילף.

דאָס דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס די קרובים אין אַמעריקא, למשל, שיקען זייערע פֿאַ־מיליעס אין פּוילען, ליטע אָדער רומעניען מאַשינען אַנשטאַט געלד. די אַמעריקאַנער לאַנדסלייט האָבען די לעצטע צייט דורך דער פֿערמיטלונג פֿון „אָרט" איבערגעשיקט קיין פּוילען פֿאַר זייערע קרובים אַ סך מאַשינען און געצייג.

פֿון פּוילען ווידער ווערען איבערגעשיקט פֿער־שידענע געצייג און מאַשינען פֿאַר קרובים אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

די דאָזיגע קאָנסטרוקטיווע קרובים־הילף האָט זיך אַרויסגעוויזען פֿאַר זעהר ראַציאָנאַל און פּראַקטיש. (יט"א)

ספּאָרט־בעוועגונג

די מייסטערשאַפֿטס־מעטשען אין לאָדז

טוריסטען — וו. ק. ס. 1:2.

„ווימאַ" — „ווידזעו" 2:4

ס. ק. ס. — „הכח" 2:4

פּ. ט. צ. — „מכבי" 0:3

אַ דאַנק די רעזולטאַטען פֿערנעמט „אוניאָן־טור־רינג" ווייטער דאָס ערשטע אָרט. אויך „ווימאַ" פּרע־טענדירט איצט צום מייסטער־טיטול.

מייסטערשאַפֿטס־מעטש ווענען דער „ב" קלאַס

„הוראַגאַן" — י. ק. פּ. 0:0

„טורי" — „בר - כוכבא" 1:2

„הוראַגאַן" האָט דעפֿעקטיוו דערגרייכט דעם מייסטער־טיטעל פֿון „ב" קלאַס אין לאָדז.

„בר כוכבא" האָט שוין פֿערלוירען אַלע שאַנסען צו בלייבען אין „ב" קלאַס.

מייסטערשאַפֿטס־מעטשען פֿון „צע" קלאַס

סאָקאָל (אַלעקסאַנדער — „נורדיה" 0:4

„קאָנסט. ספּ. קלוב" — טראַמוויאַזש" 3:3

רעפּרעזענטאַנץ פֿון יודישע קלובען — רעפּרעזענטאַנץ פֿון די אַרבייטער־קלובען 0:1

DR. MED. H.
Różaner
ספּעציאַליסט פֿאַר
הויט, ווענערישע און סעקסועלע קראַנק.
NARUTOWICZA 9,
tel. 128-98.
נעמט אָן פֿון 9—1 פֿאַרמ. און פֿון 5—9.

Dr. MICHAŁ URBACH
אינערליכע און נערווען קראַנקהייטען
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
ZAWADZKA 15, tel: 148 89
נעהמט אָן פֿון 1—2 און פֿון 4—6 נאָכמ.

וואָס אַלע פֿערזיכערטע דאַרפֿען וויסען וועגען ז.ו.פּ.ו.

אין ז.ו.פּ.ו. פֿליסען לעצטענס אָן פֿיל בקשות פֿון די פֿערזיכערטע אינטעלעקטועלע, וואָס בעטען אינוואַלידען רענטע, צוליב דעם וואָס זיי האָבען פֿערלוירען די אַרבייטס־פֿעהיגקייט, אָדער רענטע צוליב דער עלטער, ווייל עס איז אַריבער די צייט וואָס איז בעצייכענט אַלס גרעניץ פֿון די אַרבייטס־יאָהרען. אַזוי ווי ז.ו.פּ.ו. פֿערמאָגט נאָך וועניג עמעריטען, ווייסען דעריבער די פֿערזיכערטע נישט וואָס פֿאַר אַ רעכט זיי האָבען, וואָס זיי בעקומען פֿאַר די בייטראַגען אין ז־ו־פּ.ו. וואָס ווערען זיי אַראָפּגערעכענט יעדען חודש פֿון זייער גאַזשע. דאָס וואָס דער פֿערזיכערטער ווייסט נישט וואָס פֿאַר אַ רעכט ער האָט ברענגט אָפֿט דערצו, אַז דער פֿערזיכערטער פֿערשפּעטיגט מיט'ן ווענ־דען זיך וועגען דער רענטע, פֿערלירט אַ סך צייט אויף אַרויסצובעקומען די פֿערשידענע דאָקומענטען און איינציגע ווענדען אין ז.ו.פּ.ו. ווייל זיי וויסען נישט, אַז עס קומט זיי עפּעס, צוליב דעם אַלעמען איז אינטערעסאַנט צו וויסען: וואָס פֿאַראַ רעכט האָט דער פֿערזיכערטער אין ז.ו.פּ.ו. צוליב דעם זענען וויכטיג פֿאָלגענדע אינ־פֿאָרמאַציעס:

יעדער אינטעלעקטועלער אָנגעשטעלטער, וואָס איז פֿערזיכערט אין ז.ו.פּ.ו. האָט רעכט צו אינ־וואַלידען רענטע אָדער עלטער־רענטע, זיין פֿרוי צו אלמנה רענטע און די קינדער צו יתומים־רענטע. דער ערשטער בעדינג וואָס ערמעגליכט צו בעקומען די רענטע דאָס איז דער אָפּגעצאָהל־טער מינימום פֿאַר 60 חדשים בייטראַג, ד. ה. 5 יאָהר פֿערזיכערט זיין אין דער אובעזפּיעטשאַל־ניע. די אַרבייטער וועלכע זענען פֿערזיכערט פֿון דער ענטשטייאונג פֿון ז.ו.פּ.ו. ד. ה. פֿונ'ם 1 יאַנואַר 1928 האָבען רעכט צו פֿערשידענע שוויאַדטשעניעס פֿונ'ם 1. יאַנואַר 1933. די וועל־כע האָבען אָנגעהויבען אַרבייטען שפּעטער, וועלען אויך שפּעטער בעקומען די רעכט..

אויב דער פֿערזיכערטער האָט פֿערלוירען די אַרבייטס־פֿעהיגקייט פֿאַר די 5 יאָהר פֿון פֿער־זיכערונג. אָדער געשטאָרבען פֿאַר דער צייט — האָבען נישט קיין רעכט נישט ער נישט זיין נאָ־הענטע משפּחה צו קיין רענטע, נאָר מען קאָן בעקומען אַנ'איינמאָליגע בעלוינונג. אַנ'אַנדערע זאַך איז ווען דער פֿערזיכערטער האָט פֿערלוירען זיין אַרבייטס־פֿעהיגקייט אָדער געשטאָרבען צוליב אַ פֿאָרפֿאַל ביי דער אַרבייט — אין דעם פֿאַל איז נישט קוקענדיג צי איז ער געווען פֿערזיכערט 5 יאָהר צי נישט האָט ער רעכט, און זיין פֿרוי אויך צו לעבענסלענגליכע רענטע.

די אינוואַלידען רענטע בעקומט דער פֿער־זיכערטער נישט קוקענדיג אויף זיין עלטער אויב ער האָט פֿערלוירען די אַרבייטס־פֿעהיגקייט נאָך 26 וואָכען קראַנקהייט, פֿערבינדען מיט נישט פֿע־היגקייט צו דער אַרבייט, איז ווייטער קראַנק און צו דער אַרבייט נישט פֿעהיג. צי נישט פֿעהיג צו דער אַרבייט זענען פֿערעכענט די, וועלכע האָבען פֿערלוירען זייערע פֿיזישע אָדער פּסיכישע כּוחות אין מעהר ווי 50 פּראָצ. פֿון אַ נאָרמאַלען מענש, וואָס געפֿינט זיך אין די זעלבע פּראָפֿעסיאָנעלע בעדינגונגען.

וואָס פֿאַר אַ רענטע קאָן מען בעקומען נאָך 5 יאָהר פֿערזיכערונג ? 40 פּראָצ. פֿון דער סומע אויף, וועלכער דער פֿערזיכערטער איז געווען פֿער־זיכערט נאָך 10 יאָהר פֿערזיכערונג ווערט די רענטע פֿערגרעסערט אויף 2 פּראָצ. וועהרליך אַ שטייגער: נאָך 15 יאָהר בעקומט דער פֿערזי־כערטער 405 פּראָצ. פּלוס 5 מאָל צו 2 פּראָצ. נאָך 20 יאָהר — 60 פּראָצענט א.ד.ג.

דער פֿערזיכערטער אָנגעשטעלטער בעקומט אינוואַלידען רענטע און אויך אַ צוגאָב פֿאַר קינ־דער אין דער הויך פֿון 4 פּראָצ. אויף יעדען קינד ביז 18 יאָהר. נאָך 18 יאָהר בעקומט מען פֿאַר'ן קינד נאָך צוגאָב אין פֿאַל ווען עס בעזוכט נאָך אַ שולע אָדער עס איז אַ קאַליקע.

רענטע צוליב עלטער בעקומט דער פֿערזי־כערטער, וועלכער האָט 1) געענדיגט 65 יאָהר און האָט מינימום 5 יאָהר פֿערזיכערונג. 2) 60 יאָהר אַלט און 40 יאָהר פֿערזיכערונג (מענער). און 3) 55 יאָהר אַלט און 35 יאָהר פֿערזיכערונג פֿרויען. די רענטע צוליב עלטער איז נישט אָנ־בעלאַנגט אין דעם צי איז דער פֿערזיכערטער פֿע־היג צי נישט פֿעהיג צו דער אַרבייט. דאָ איז וויכטיג נאָר די עלטער.

צו אלמנה רענטע האָט רעכט די אלמנה נאָך אַנ'אינטעלעקטועלען אָנגעשטעלטען, וועלכער האָט אָדער אַליין שוין בעקומען רענטע אָדער האָט געהאַט רעכט צו בעקומען רענטע ד. ה. געוועזן פֿערזיכערט מינימום 5 יאָהר.

5 קיין רעכט צו אלמנה־רענטע האָט נישט די פֿרוי, אויב דער פֿערזיכערטער האָט חתונה גע־האַט מיט איהר אין עלטער פֿון 55 יאָהר און איז געשטאָרבען 6 חדשים נאָך דער חתונה. די אלמנה רענטע בעטרעפֿט 3|5 רענטע, וועלכע האָט געהערט דעם פֿערזיכערטען.

דאָס הייסט. אַז אויב דער פֿערזיכערטער איז געשטאָרבען 5 יאָהר נאָך דער צייט פֿון דער פֿער־זיכערונג און 10 יאָהר פֿאַר דעם ווי ער האָט געקאָנט בעקומען די רענטע אין דער הויך פֿון 40 פּראָצ. בעקומט די אלמנה נאָך איהם 24 פּרצ. פֿון זיין גאַזשע אויב די אלמנה האָט צום צווייטען מאָל חתונה — פֿערלירט זי דאָס רעכט צו רענטע, האָט אָבער דאָס רעכט צו בעקומען אַנ'איינמאָליגע פֿערגיטיגונג אין דער הויך פֿון דריי יאָהר רענטע, וועלכע זי האָט בעקומען ענדליך בעקומען רענטע די יתומים 1|5 רענטע ביז 18 יאָהר אָדער ביז 24 יאָהר ווען זיי שטודירען נאָך.

טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי" ציגעלגאַס 27, טעל. 112-25
דיר. דוד צעלמייסטער.

געציילטע גאַסטשפּילען פֿון אונזער ליבען גאַסט די בעריהמטע פּרימאַדאָנע. דער ליבלינג פֿון לאָדזער פּוב־ליקום, די נישט־פֿערגעסליכע „אַלמאַ וואַו וואַהנסטו" „טשאַרדאַש פֿירשטין". „שאַנסאָנעטען" און א

זינא גאָלדשטיין

זינא גאָלדשטיין

היינט מאָנטאָג — 2 פֿאָרשטעלונגען:
4.30 נאָכמ. גרויסע הנחה־פֿאָרשטעלונג
אַלע בילעטען אין פּאַרטער 1 זל. ערשטע רייה
9,30 אָוונט צו נאָרמאַלע פּרייזען.

4 גרעסטע מעלות:
שפּאַנענדער אינהאַלט!
פֿריילעך ביז גאָר!
פּרעכטיגע געזאַנג־נומערן!
גלענצענדע אויסשטאַטונג!
אַט דאָס פֿערמאָגט די פֿרייליכע אָפּערעטע

זי האָט ליב!..

אין 2 אַקטען מיט פּראָלאָג און עפּילאָג פֿון ד. שייקאָב, זינא גאָלדשטיין אין דער גרויסער געזאַנג און שפּיל ראָל „פֿיינעלע", צוזאַמען מיט'ן גלענצענדען „ראָזמאַיטאָשטשי"־אַנסאַמבל. גרויסער כאָר און אָרקעסטער! בילעטען אין קאַסע פֿון טעאַטער.

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז, 10 יוני 1935

די רואינירונג פון יודישען סוחרטום

איז א קאטאסטראפע פאר'ן גאנצען לאנד

אין דער לעמבערגער „כווילא" האט דר. ראטענשטרייך פערעפענטליכט אנ'ארטיקעל וועגען דער רואין פון יודישען סוחרטום. און הגם דער ארטיקעל שטיצט זיך אויף דער סטאטיסטיק נאר פון דעם געביט פון דער לעמבערגער האנדעלס קאמער, קענען מיר אבער מיט דער גאנצער זיכערקייט אננעמען, אז די לאגע איז אויך אין אנדערע געגענדען אויב נישט ערגער, יעדענפאלס נישט בעסער, און דאס וואס ווערט געזאגט וועגען לעמבערג, קען אויך אהן גוזמא פאר איבערטרייבונג אנגעווענדעט ווערען אויף אנדערע שטעט. דר. ראטענשטרייך שרייבט:

„מען גלייבט אונז נישט זעהר ווען מיר זאגען, אז מיר זענען דעקלאסירט געווארען. ווען מיר פיהרען אליין אדורך א סטאטיסטיק פון אונזער ארבייטס ווארשטאטען, ווען מיר ווייזען אויף ווי ווייט מיר זענען פעראריִמט געווארען, ענטפערט מען אונז אויב מען ענטפערט בכלל נאך אויף די יודישע אנקלאגעס, אז מיר טרייבען איבער, אז די לאגע איז נישט אזוי ווי מיר שילדערען זי. אבער די שטייער אמטען טרייבען נישט איבער. זייערע הכנסות זענען פאקטישע. די פערקלענערונג פון זייערע הכנסות איז אויך א ווירקליכקייט. אויף די פערקלענערטע הכנסות פון די פאטענטען שטיצען מיר אונזערע ציפערען, וואס זאגען עדות וועגען דער פולשטענדיגער רואין פון סוחרטום אין אונזער געגענד.

עס ליגט פאר אונז א סטאטיסטיק פון די אויסגעקויפטע פאטענטען אויפן געביט פון דער לעמבערגער האנדעלס קאמער. דאס זענען טרויעריגע און שמערצהאפטע ציפערען. די צאהל אויסגעקויפטע פאטענטען פון ערשטער קאטעגאריע איז אין פערגלייך מיטן יאהר 1929 געפאלען אויף 59 פראצענט. עס וואלט זיך געדוכט, אז אויב עס פערשווינדען די פאטענטען פון דער ערשטער קאטעגאריע, אז אויב אין א סך פאוויאטאווע שטעט האבען מיר שוין נישט קיין איין גרויסען סוחר, און אין לעמבערג האבען מיר אנשטאט 62 גרויסע סוחרים נאר 27, האט זיך וועניגסטענס דערהאלטען דאס מיטעלע סוחרטום, דערווייל ווייזט זיך אבער ארויס אז אויך דאס מיטעלע סוחרטום, אז די צאהל פון די וואס קויפען אויס פאטענטען פון צווייטער קאטעגאריע איז געפאלען אויך אינדערזעלבער פערהעלטעניש ווי פון דער ערשטער קאטעגאריע.

די צאהל פאטענטען פון צווייטער קאטעגאריע וואס זענען אויסגעקויפט געווארען אויפן געביט פון דער לעמבערגער האנדעלס קאמער, איז געפאלען אויף 55 פראצענט. דאס בעדייט אז אין משך פון 5 יאהר פון קריזיס איז פערניכטעט געווארען דאס גרויסע און מיטעלע סוחרטום אין אונזער געגענד.

אויב עס וואלט געווען א טעות צו מיינען, אז נאר דאס גרויסע און מיטעלע סוחרטום איז צושמעטערט געווארען, אז דאנגען דער קליינער סוחר וואס ארבייט אליין אין נעשעפט וואס האט נישט קיין גרויסע האנדעלס-קאסטען האט ווירקזאם געקעמפט געגען קריזיס, און זיך כמעט נישט געלאזט ליקווידירען. ווייזט זיך ארויס אז פאטענטען פון דריטער קאטעגאריע זענען אין לויפענדען יאהר אויסגעקויפט געווארען מיט 60 פראצענט וועניגער.

עס וועט קיינער נישט האבען די דרייסטקייט צו פערזיכערען אז די שטייער אמטען זענען מילד און קאנטראלירען נישט די סוחרים און פאדערען נישט פון זיי קיין פאטענטען. אויב אין משך פון יאהר איז די צאהל פון גרויסע, מיטעלע, און קליינע סוחרים געפאלען פון 34,845 אויף 14,765 בעדייט דאס אז 20 טויזענט סוחרים און 59 פראצענט פון גרויסען, מיטעלען און קליינעם סוחרטום איז נאר אין מזרח גאליציען אויסגעשטראכען געווארען פון דער ליסטע פון די סוחרים.

קיין סטאטיסטיק רעגיסטרירט נישט וואס עס איז געשעהען מיט די ליקווידירטע סוחרים, מיט זייערע פאמיליעס, פערזאנאל, וואס איז ביי זיי געווען בעשעפטיגט. ווען מען בעזוכט די שטעט און שטעטלעך זעהט מען אז די וואס האבען דער מלוכה געגעבען מעהר ווי זיי זענען געווען אומשטאנד, נישט בעקומענדיג דערפאר פון דער מלוכה כמעט גארנישט, ווייל אפילו פאר דער בילדונג פון זייערע קינדער האבען זיי אליין געמוזט בעצאהלען, הונגערען אין דער אמתער בעדייטונג פון דאזיגען ווארט.

אונזערע ציפערען וואס שטיצען זיך אויף דער סטאטיסטיק פון די אויסגעקויפטע פאטענטען קען נישט נאר בלייבען ארכיוואלער סטאטיסטישער מאטעריאל, וואס זייער דעקלאסירונג איז א סכנה נישט נאר פאר איהם נאר אויך פאר דער גאנצער מלוכה, ווען אפילו 90 פראצענט פון די דעקלאסירטע זאל זיין יודען.

די ליקווידאציע פון יודישען סוחרטום איז גורם צו א קאלאסאלען פאלען פון די בודזשעט הכנסות, די בודזשעט דעפיציטען, דאס כסדרדיגע פערשטופען די לעכער פון בודזשעט האבען זייער סיבה אין דעם פולשטענדיגען צוזאמענברוך פון סוחרטום. מען וועט אונז אפשר זאגען, אז די דעקלאסירונג פון די סוחרים איז א רעזולטאט פון קריזיס, אבער נישט נאר פון קריזיס, דער קריזיס אליין וואלט נישט אנגעמאכט אזא פערוויסטונג ווען נישט די ספעציעלע אנטי סוחרישע פאליטיק. מען אידענטיפיצירט ביי אונז דאס סוחרטום מיטן יודענטום און בכדי צו פערניכטען די השפעה און בעדייטונג פון די יודען האט מען אין די לעצטע 5 יאהר געפיהרט אזא שטייער און קרעדיט פאליטיק, בכדי צו ליקווידירען די יודען און האנדעל.

די ציפערען וואס מיר האבען אויבען געבראכט בעוויזען, אז איין ציל האט מען דערגרייכט, אונז האט מען פולשטענדיג פעראריִמט, אבער מיט דער דאזיגער אונזערער ליקווידאציע האט מען אויך דערגרייכט א ציל, וואס מען האט גארנישט בדעה געהאט. מען האט די שטעט דערפיהרט צו א צוזאמענברוך, מען האט רעדוצירט די קויף קראפט פון דער שטאט. וואס האט ארויסגערופען א פעראריִמונג פון דער דארפישער בעפעלקערונג, וועלכע האט נישט וועמען צו פערקויפען איהרע פראדוקטען. מען האט געוואלט טרעפען די יודען און מען האט געטראפען אין די שטייער הכנסות און אין דער פאלקס - ווירטשאפט. די פאליטיק פון רואינירען דאס סוחרטום, איז זיך נוקם.

אין דער רעגירונגס - פרעסע לייענען מיר כסדר, אז דער האנדעל ערפיהלט נישט זיינע פליכטען. א גאנץ ריכטיגער פארוואורף. ער איז נאר געווענדעט אויף א פאלשען אדרעס. שולדיג זענען נישט די סוחרים, נאר די וואס האבען אזוי „געזארגט" פארן סוחרטום, אז עס איז ליקווידירט געווארען.

עס ווילדעוועט אין די סוחרישע קרייזען א ארימקייט, וואס איז ביזאיצט נישט נאטירט געווארען. די דאזיגע ארימקייט און די שמערצליכע ציפערען וואס מיר האבען געבראכט קענען פאר יענע וואס ליצייטירען די ענדעקעס אין זייער אנטי יודישע איינשטעלונג דינען פאר א בעוויז פון „זייער בעסערע' ארבייט אבער די דאזיגע שמערצליכע ציפערן זענען גלייכצייטיג אנ'אויסדרוק פון דער פוילישער ווירקליכקייט, פון איהר ווירטש. צוריקגאנג אין די לעצטע יאהרען, עס קען ווער, וואס וויל זיך נישט מודה זיין צו א בעוואוסטזיניגער אנטי יודישער פאליטיק, וועלען אויסטייטשען די ציפערען אלס א בעוויז, דאס עס זענען בעזייטיגט געווארען די איבערוואוקסען, אז איצט וועלען דעריבער בעסער קענען ארבייטען די האנדעלס אונטערנעהמונגען, וואס זענען איבערגעבליבען. די ציפערען פון לעבען זענען דאס אבער סותר.

די דאזיגע שמערצליכע ציפערען בעווייזען אויך, אז דער ווירטשאפטליכער קריזיס איז ביי אונז געווארען א דאנק דער פאליטיק פון אונזערע פלאנמעסיגע אנטיסעמיטען און אנטיסעמיטישע פלענער מאכער — א געזעלשאפטליכע קאטאסטראפע, נישט נאר פון פוילישען יודענטום, נאר אויך פון גאנצען לאנד, ווען עס וויל דאס נישט זעהען, פערטיפט נאר די דאזיגע געזעלשאפטליכע קאטאסטראפע.

יצחק גרינבוים איבער עליה פראגען.

ווי אזוי זענען פערטיילט געווארען די 7.6000 פערטיפיקאטען? — 15.000 ביטעס פון קרובים. — ווען ווערען זיי בעטראכט? — וועגען המלצות. — וואס וועט מען פאדערען פון עולה ביים קינפטיגען שעדיול?

ירושלים. פאר זיין אפפאהרען קיין אויסלאנד האט דער לייטער פון דעם עליה-דעפארטאמענט ה' יצחק גרינבוים געגעבען פאר דער פרעסע אויפקלערונגען וועגען דער לאגע אין דער עליה.

די אגענץ האט בעקומען 7.600 סערטיפיקאטען אנשטאט 8 טויזענד, 400 ערלויבנישען האט זיך די רעגירונג איבערגעלאזט אלס רעזערוו, פון צווישען די 7.600 סערטיפיקאטען זענען 600 ארבייטער ארויסגעפאדערט געווארען דורך אינדוסטריעלער, צום פערטיילען זענען געבליבען 700 פערטיפיקאטען. דערפון איז בעשטימט געווארען 1750 סערטיפיקאטען פאר קרובים, די פערטיילונג ווערט געמאכט דורך דער רעגירונג און זי האט אזא צאהל בעשטימט, בעת מען איז צוגעטרעטען צו בעטראכטען די ביטעס פון די ארץ ישראל איינוואוינער וואס פאדערען זייערע קרובים האבען זיך אזעלכע ביטעס געפונען אין א צאהל פון 5000, פון וועלכע עס זענען אנערקענט געווארען 3.100 דערווייל וועלען געשיקט ווערען 2700 המלצות, פון די 2700 המלצות זענען 60% פאר מענער און 40% פאר פרויען, אין אקטאבער זענען פערשריבען צום בעטראכטען בערך 1000 פאמיליעס, מען האט בעוויזען צו בעטראכטען די געוועהנליכע ביטעס וואס זענען געווען ביז אויגוסט און זיי אלע זענען שוין געווארען בעשטעטיגט און האבען בעקומען המלצות, עס זענען געווען פיל ביטעס אויסערגעוועהנליכע, וואס די מחלקת העליה האט זיי בעשטעטיגט ווי צ.ב. זוהן און טעכטער פון 20—18 יאהר וואס זייערע ביטעס זענען נאך אנגעגעבען געווארען אנהויב אקטאבער 1934, אדער ביטעס אויף צו ברענגען קרובים, וואס זאלען העלפען אין דער לאנדווירטשאפט א.א.וו. געוועהנליכע ביטעס פון 1934 זענען נאך צו אונז נישט דערגאנגען מען האט זיי נאך נישט בעהאנדעלט, זיי געפינען זיך נאך אין דער רייע, א טייל פון זיי וועט בעהאנדעלט ווערען אין אקטאבער און א טייל אין אפריל 1936.

ביטעס פאר קרובים ווערען בעטראכט צוויי מאל אין יאהר און עס קאן אויף זיי, געענטפערט ווערען נאר צוויי מאל אין יאהר און קיין שום בריף און קיין געזוכען און אפילו כוח קאן און וועט דא נישט העלפען, און דער ארץ ישראל עולם דארף דאס פערשטעהען. מען דארף דאך פערשטעהען וואס עס איז א המלצה, א המלצה איז נישט קיין איינרייזע ערלויבעניש, דאס איז נאר א אנווייזונג צום פאלעסטינע אמט ער זאל די ביטע בעטראכטען, די בעדייטונג פון א המלצה איז אבער דאך א גרויסע, ווייל אזוי וואלט מען קיינמאל די ביטע נישט בעטראכט, אין דער צייט ווען די צאהל ביטעס איז נישט געווען אזוי גרויס ווי היינט, דאן האט א המלצה בעדייט 90% סערטיפיקאט, אבער ווען די צאהל ביטעס איז געוואקסען, און וואקסט אונגעהויער איז דאך אונמעגליך אז א המלצה זאל בעדייטען א איינרייזע ערלויבניש — ווען די צאהל סערטיפיקאטען וואס געפינט זיך אין רשות פון דער אגענץ איז פילפאכיג קלענער ווי די צאהל המלצות וואס דארפען געגעבען ווערען. נאכמעהר, אין משך פון דער צייט האבען זיך אנגעזאמעלט ביטעס און המלצות, וואס זענען נאך נישט ערלעדיגט געווארען, אין פוילען למשל, געפינען זיך 2000 המלצות, וואס זייערע אנגעבער ווארטען אויף סערטיפיקאטען, אין דער צייט, ווען די צאהל ביטעס איז געווען א קליינע איז געווען א מעגליכקייט צו געבען סערטיפיקאטען אפילו שוועסטער און ברודער, איצט אבער ווערען פון צווישען די עולים אויסגעוועהלט די פאסיגסטע און פארצוגסרעכט האבען פאכלייט.

די עליה איז איצט א גרויסער כוח מיט איהר וועט אויך קומען א גרויסע ענדערונג אינם לעבען פון די יודען אין גלות. זי וועט צווינגען די מאסען זיך צו לערנען פאכען, און זיך צוצוגרייטען צום לעבען אין ארץ ישראל, סיי אין ווירטשאפטליכען און סיי פון קולטורעלען און שפראכליכען זין. ביז איצט האבען מיר אזא פארבערייטונג געפאדערט נאר פון חלוצים, איצט פאדערן מיר עס אויך פון בעלי מלאכות, א.א.נ.ד. אין שעדיול 1936 וועלען מיר פאדערען דאס קענען די העברעאישע שפראך, אויך פון קרובים, אויב זיי האבען געלערנט שפאניש כדי צו קומען קיין ארגענטינע אדער ענגליש כדי צו קומען קיין אמעריקע, דארפען זיי אודאי און אודאי לערנען זיך העברעאיש אום צו קומען קיין ארץ ישראל.

דורך דער קולטורעלער הכשרה דארף אריינדרינגען אין דעם הארץ פון עולה און ער דארף דורכגענומען ווערען מיט דעם בעוואוסטזיין נאך וואס ער פאהרט קיין ארץ ישראל, די עליה איז פערוואנדעלט געווארען אין עמיגראציע, עס איז שטענדיג געזאגט געווארען אז מיר נויטיגען זיך נישט אין עמיגראציע נאר אין עליה, נישט אין עמיגראנטען, נאר אין עולים, ד.ה. אין מענשען וואס געהען קיין ארץ ישראל נישט נאר אויפגעבויט צו ווערען, נאר אויך כדי צו בויען. עס איז געווען א צייט ווען מען איז קיין ארץ ישראל געגאנגען נאר כדי צו בויען, היינט, צו אונזער צופרידענהייט, געפינען מיר זיך אין דער לאגע ווען מען געהט שוין קיין ארץ ישראל אויך אויפגעבויט צו ווערען, אבער מיר קאנען דאך נישט בעטראכטען ארץ ישראל נאר פונם שטאנדפונקט פון הצלה, פון ראטעווען יודען פון דער נויט אין גלות, אויך דערמיט דארף מען זיך שטארק רעכנען, אבער צו אלערערשט דארף ארץ ישראל דינען אלס פאקטאר פון גאולה, בנין און כיבוש (פאלקאר)

מופטי'ס אינטריגעס געגען ענגלאנד

רופען ארויס גרויסע סענסאציע אין ארץ-ישראל

לעצטענס האט די אראבישע ציטונג „אל איסלאמיע אל אראביע" פערעפענטליכט א פאטאגראפיע פון א בריף, וואס א געוויסער אראבישער טוער, עמיר שאקיב ארסלאן, האט צוגעשיקט צום ירושלימער מופטי, האדזש עמין אל הוסייני, דער בריף איז ארויסגעשיקט געווארען פון זשענעווא, דארט, וואו דער עמיר ארסלאן וואוינט, און איז דאטירט דעם 20טען פעברואר פון היינטיגען יאהר.

אין דעם בריף ווערט דערציילט, וועגען א געוויסען פאליטישען אפמאך, וואס דער עמיר שאקיב ארסלאן האט אין נאמען פון דער „סיריש - פאלעסטינישער דעלעגאציע אין זשענעווא" געמאכט מיט דעם הערשער פון איטאליען בעניטא מוסאליני, אין דעם דאזיגען בריף ווערט דער מופטי אויך געטאדעלט פאר זיין קנעכטישען אונטער'חנפענען זיך צו דער ענגלישער מאכט. עס ווערט געפאדערט אנ' איבערבייט אויף דעם אראבישען פראנט פון דער ענגלישער ליניע אויף דער איטאליענישער א. אז. וו.

די ציטונג „אל איסלאמיע אל אראביע" האט זיך נישט בעגנוגענט מיט אפדרוקען די פאטאגראפיע פון דעם דערמאנטען בריף, נאר זי האט צוגעגעבען פירושים פון איהר זייט, זי האט אויפגעוויזען, וואס פאר א פאלשע פאליטיק דער מופטי פיהרט, ווי ער שעדיגט די אראבישע אינטערעסען, ווי ער איז פערקויפט צו יעדען איינעם, וואס צאהלט א סענט, — מען דארף נישט פערגעסען, אז די דערמאהנטע צייטונג געפינט זיך אין א שטארקער אפאזיציע צו דעם מופטי.

עס איז ווירקליך שווער צו בעשרייבען וואס פאר א טומל עס האט זיך אויפגעהויבען נאך דעם פערעפענטליכען פון אט דעם בריף. די ציטונגען וועלכע זענען געטריי דעם מופטי, האבען לכתחילה געוואלט אפלייקענען דעם בריף, זיי האבען זיך געסטארעט צו דערווייזען, אז דאס איז א מיאוסע און נידערטרעכטיגע פעלשונג, אז דאס טוען די שונאים פון דעם מופטי וועלכע ווילען איהם דערנידעריגען און אראפווארפען פון זיין בענקעל.

פון דער צווייטער זייט זענען געפלויגען טעלעגראמען און בריף פון דעם העלד פון דער סענסאציע עמיר שאקיב ארסלאן, וועלכער האט קאטעגאריש אפגעלייקענט אט דעם בריף, און געסטראשעט, אז ער וועט רופען צום משפט די פערלוימדער... די אראבישע פרעסע האט פערגעסען אלע איבעריגע ענינים אויף דער וועלט און איז פול מיט ארטיקלען און ידיעות וועגען דער געשיכטע. דער אראבישער לאגער האט זיך צעשפאלטען אויף צוויי גרויסע טיילען און די ענגלישע רעגירונג — זי שווייגט, און שווייגענדיג אזוי שטודירט זי טיף דעם ענין און וועט ווארשיינליך ארויסטראגען איהר אייגענע מיינונג וועגען דעם גאנצען ענין.

עמיר שאקיב ארסלאן געהערט צו איינער פון די עלטסטע און אנגעזעהענסטע דרוזישע משפחות, ער שטאמט פון א קעניגליכער פאמיליע, אויף וואס עס ווייזט זיין געשיכטע, ווי אויך זיין טיטול „עמיר" (פרינץ) מיינט דאס.

אין יאהר 1921 נישט לאנג נאך דעם, ווי ער האט זיך צוריקגעקעהרט פון זיין ערשטער רייזע קיין אמעריקע, האט דער עמיר ארסלאן צונויפגערופען א קאנפערענץ פון די אנגעזעהענסטע אראבישע טוער פון סיריען און פאלעסטינע, און אויף אט דער קאנפערענץ איז געגרינדעט געווארען דער „סיריש - פאלעסטינישער קאמיטעט", וועלכער האט געהאט דעם צוועק צו קאארדינירען די טעטיגקייט פון די סירישע און פאלעסטינישע אראבישע נאציאנאליסטען, כדי די בעפרייאונגס טעטיגקייט זייערע לאזען אין איין ריכטונג מיט א גרעסערען כוח, דער עמיר איז דאן דערוועהלט געווארען אלס פרעזידענט פון קאמיטעט, פון ארץ ישראל האבען זיך דאן בעטייליגט אויך דער ירושלימער מופטי.

קיין סך און קיין גרויסע זאכען האט דער סיריש פאלעסטינישער קאמיטעט נישט אויפגעטון. אויך נישט ער האט ארגאניזירט דעם דרוזען אויפשטאנד אין 1925, דאס איז געקומען לויט דער איניציאטיוו און אונטער דער אנפיהרונג פון שאקיב ארסלאן אליין, ער האט נאר געהאט אונטער זיך די אבסטראקטע סימפאטיע פון די פאלעסטינער אראבער, אבער נישט זייער ממשותדיגע הילף.

דער דרוזען אויפשטאנד קעגען דער פראנצויזישער מאנדאטען מאכט איז אונטערדריקט געווארען מיט א פעסטער האנט. פראנקרייך האט זיך נישט דערשראקען און נישט רחמנות געהאט, זי האט פערטרונקען דעם אויפשטאנד אין בלוט. זי האט געכאפט די איניציאטארען פונם אויפשטאנד און בלויז דעם עמיר איז געלונגען צו ראטעווען זיך. ער איז אוועק פון סיריען און איז נאר א קורץ שטיקעל צייט געווען אין ארץ ישראל. אונטער די אויגען איז ער פער'משפט געווארען צום טויט דורך דעם פראנצויזישען פעלד געריכט. ווען ער האט זיך אויך דערוואוסט אז די פראנצויזישע רעגירונג אינטערוועגירט ביי דעם ענגלישען הויך-קאמיסאריאט פון פאלעסטינע וועגען דעם, מען זאל דעם עמיר צוריק ארויסגעבען צו דער פראנצויזישער מאכט, איז ער אויף שנעל נעלם געווארען אויך פון ארץ ישראל. אבער פאר אט דעם קורצען זיין דא האט ער בעוויזען אויפצושטעלען א הילפס קאמיטעט פאר די געליטענע דרוזען — און געלט האט זיך ווירקליך אנגעהויבען צו שיטען פון אלע עקען און וועלט, פיל נישט-אראבער האבען אויך געשיקט געלד, געהאלפען אויפצושטעלען דעם הילפס קאמיטעט האט איהם דער מופטי, און די שונאים פון שאקיב ארסלאן און דעם מופטי צוזאמען האבען דערצעהלט אז ביידע זענען פון דאן אן געווארען פערמעגליכע מענשען און אז פון דעמאלט אן האט זיך אויך גענומען זייער נאהענטע פריינטשאפט.

נאך דעם אומגליקליכען דרוזען אויפשטאנד איז

(ווייטער זעה 15-טע זייט)

איבערפאַלען אויף יודען אין פערשידענע טיילען פון לאַנד

(אַ בריף פון ירושלים)

אין משך פון איין וואָך צייט זענען פאָרגעקומען איבערפאַלען אויף יודען אין פערשידענע פונקטען און אין פערשידענע עקען פון ארץ־ישראל. איינער איז פאָרגעקומען אין עמק, דער צווייטער אין דעם ווייטען שרון, דער דריטער אין שומרון און דער פערטער — אין ירושלים

אויסער ירושלים זענען כמעט אַלע איבערפאַלען אויף יודען געווען אָרגאַניזירט. די פּרטים פון אָט די איבערפאַלען, די אומשטענדען ביי וועלכע זיי זענען פאָרגעקומען ווייזען, יעדענפאַלס, אויף דעם: דאָ זענען אַראַבישע פאַסטוכער אַרויף אויף יודישען באָדען און גלייך אָנגעפאַלען אויף די יודישע שומרים. וועלכע האָבען זיי געפרובט אַראָפּבעטען: דאָ זענען די אַראַבער געגאַנגען מיט אַן׳אָפּזיכט אָנצופאַלען, אַריינרייסענדיג זיך אין אַן׳אַרומגעצוימטען פּרדס, און דאָרט ווידער, איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַן׳איבערפאַל פון דער בעהעלטעניש...

זענען די יודען פון ארץ־ישראל געוואוינט שוין צו אַזעלכע זאַכען, זענען זיי גרייט צו ברענגען קרבנות, לעבענס־קרבנות, כּדי אויפצובויען אַ יודיש לאַנד, ווייסען די חלוצים אויף וואָס זיי גייען בשעת זיי בעזעצען זיך אויף דעם לאַנד, איז אין דעם פאַראַן אַ זין, א נאַציאָנאַלער בייטראַג, א נאַציאָנאַלע בערעכטיגונג.

עס איז אָבער נישט פאַראַן קיין נאַציאָנאַלער זין און קיין מענשליכע פערענטפערונג פאַר די יודישע קרבנות, וואָס פאַלען אין דער פינסטער, אין פערוואָרפענע ווינקעלעך לעבען די שטעט. קאָן ארץ־ישראל, די יודישע ארץ־ישראל, זיך נאָך אַלץ נישט צוגעוואוינען צו די מענשליכע קרבנות, וואָס פאַלען אין די שטעט.

דעריבער איז גאַנץ ארץ־ישראל אַזוי אויפגערודערט געוואָרען פון דעם לעצטען מאָרד, וועלכער איז אַזוי ווילד און אַזוי ברוטאַל בעגאַנגען געוואָרען אין ירושלים.

איז געקומען אַ יודישער יונגערמאַן פון בית וגן, וואָס געפינט זיך לעבען תל־אביב, קיין ירושלים אויף א יאָרצייט נאָך זיינעם א קרוב, א גוטען יוד, דער יונגערמאַן האָט געהייסען קלמן שאפּירא, און געשטאַמט האָט ער פון אַ פרומער, אָרטאָדאָקסישער משפּחה, פון אַ גרויסען יחוס: פון רביים;; ער איז געווען אַן׳אייניקעל פון דראָהאָביטשער רבי׳ן.

און טאַקע צו דעם יאָהרצייט פון דעם דראָהאָביטשער רבי׳ן איז קלמן שאפּירא געקומען קיין ירושלים. ער איז איינגעשטאַנען ביי זיינע קרובים. אַן׳אַנגעזעהענע חסידישע פאַמיליע אין ירושלים. פרייטאָג צו נאַכטס, נאָך דעם אָוונד־ברויט, איז די גאַנצע פאַמיליע, צוזאַמען מיט׳ן גאַסט אַרויס אַביסעל שפּאַצירען אויף די גאַסען פון ירושלים. אָבער זיי האָבען זיך אויסגעקליבען נישט די צענטראַלע גאַסען, נאָר גראָד די עקסטע,

די זייטיגסטע, טאַקע נישט ווייט פון דעם פּלאַץ, וואו זיי וואוינען אין דעם נייעם קוואַרטאַל כרם אברהם.

עס איז געווען נאָך זעהר פריה, סך־הכל פאַר צעהן א זייגער אָוונד, האָבען זיי זיך ערלויבט אַרויסצוגעהען אַביסעל ווייטער פון דעם ישוב. איין טייל פון דער פאַמיליע איז געגאַנגען פאָראויס און קלמן שאפּירא, צוזאַמען מיט זיין מוהמע, זענען געבליבען הינטען. און דאָ האָט עס פּאַסירט.

צוויי אַראַבער זענען אַרויסגעשפּרונגען פון אַ בעהעלטעניש און אָנגעפאַלען אויף די צוויי שפּאַצירענדיגע. איין אַראַבער איז אָנגעפאַלען אויף דער פרוי, איהר פערמאַכט דאָס מויל און זי אַנידערגעשלײדערט אויף דער ערד. דער צווייטער איז דערוויל אָנגעפאַלען אויף קלמן שאפּירא. דער לעצטער האָט זיך נישט אַזוי לייכט אונטערגעגעבען. ער האָט זיך שטאַרק געוועהרט, אַז עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען ער האָט אָנגעהויבען גובר צו זיין דעם אַראַבער. האָט דער אָנפאַלער אָנגעהויבען צו „אַרבייטען" מיט אַ מעסער, ער האָט שטאַרק „בעאַרבייט" זיין קרבן: אויף דעם טויטען קערפּער האָט מען געפונען אַ סך שניטען. נאָר איין מעסער־שטאָך איז געווען אַ פאַטאַלער — דער וואָס האָט דורכגעשניטען די לעבער.

ווי לאַנג עס האָט געדויערט דער גראַנגעל, וואָס האָבען די אַראַבער געטון מיט דער פרוי, פאַרוואָס האָבען זיי ביידע אין אָנהויב נישט געשריגען, דאָס אַלץ איז נאָך נישט אויסגעפאָרשט. די אַראַבער זענען אַנטלאָפען אין דער פינסטערער נאַכט און דאַן האָבען זיך אויפגעהויבען די געוואַלדען און געשרייען. וועלכע האָבען אויפגעוועקט נישט נאָר דעם קוואַרטאַל, נאָר די גאַנצע סביבה. די פּאָליציי איז געקומען מיט פופציג מינוט שפּעטער... אויף אַ פּריוואַטען אויטאָמאָביל האָט מען שאפּיראַן אָפּגעפיהרט אין „הדסה". אָבער אויפ׳ן וועג איז ער געשטאָרבען. די פרוי, זיין מוהמע, איז אויף דעם מאָמענט פערשוואונדען געוואָרען, און ערשט שפּעטער האָט די פּאָליציי זי געפונען אָבער איז אַזאַ צושטאַנד, אַזוי צעמישט, אַז מען האָט פון איהר גאָרנישט געקאָנט אַרויסקריגען.

די פּאָליציי האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט. מען האָט געבראַכט שפּיר־הינט. אָבער די הינט זענען אָפּגעלאָפען אַ זעקס הונדערט מעטער און זיך צוריקגעקעהרט צו דעם פּלאַץ, וואו דער מאָרד איז פאָרגעקומען. די פּאָליציי האָט פערענטפערט די הינט דערמיט, וואָס עס איז געווען אַ שטאַרקער געגענווינד און האָט נישט געלאָזט דערשפּירען

דעם ריח. און נאָך איין תירוץ האָט די פּאָליציי: צופיל מענשען זענען זיך צונויפגעקומען ביז די הינט זענען געקומען, און די מענשען האָבען פערריבען די שפּורען פון די מערדער...

מען האָט אויך געבראַכט די צוויי שפּורען־זוכער, אָבער אויך די לעצטע האָבען קיין זאַך נישט געפונען. די מערדער זענען ווי אין וואַסער אַריין.

אָט דער אָנפאַל און מאָרד, וועלכער איז העכסט וואַרשיינליך געמאַכט געוואָרען אויף דעם סעקסועלען באָדען, האָט אויפגערודערט ארץ־ישראל נאָך צוליב אַן׳אַנדער אורזאַך —

מענשען אין ארץ־ישראל געפינען אַ געוואַלדיגע עהנליכקייט צווישען דעם אָנפאַל און מאָרד און צווישען אַן׳אַנדערען עהנליכען אָנפאַל און מאָרד, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 16־טען יוני 1933 אויפ׳ן ברעג־ים אין תל־אביב. דאָרט איז דער קרבן געווען דער פּאָליטישער לייטער פון דער יודישער אַגענטור, ד״ר חיים אַרלאָזאָראָוו ז״ל.

בעווייזען אָט די איבערפאַלען איבער דעם גאַנצען לאַנד און אין ירושלים אויף נישט־זיכערקייט אין ארץ־ישראל? (פּאָליציייִשע נישט־זיכערקייט מיינט דאָס.)

פון די אָפיציעלע רעגירונגס־ און פּאָליציי־קרייזען גיט מען איבער, אַז די זיכערקייטס־לאַגע אין ארץ־ישראל איז אין איצטיגען מאָמענט העכסט צופרידענשטעלענד, אַז קיינמאָל האָט נאָך די רעגירונג נישט געהאַלטען אין איהרע הענד די לייצעס, ווי איצט, אַז די רעגירונג ווייסט וועגען יעדער קלענסטער זאַך, וואָס קומט פאָר אין לאַנד, און בעמט שטענדיג אָן די נויטיגע מיטלען.

די פּאָליציי איז טאַקע אפשר גערעכט — אין ארץ־ישראל איז רוהיג און זיכער. די פּאָליציי און די רעגירונג ווילען נישט קיין אומאַנגענעמליכקייטען. אָבער צוזאַמען מיט דעם געהט אַ העפטיגע אונטערערדישע אַראַבישע אַגיטאַציע געגען יודען. איבער די דערפער פאָהרען אַרום אַראַבישע אַגי־

טאַטאָר־העצערס און דערצעהלען די אַראַבער, אַז דער גאָלד־רעגען, וואָס גיסט זיך איצט אויף ארץ־ישראל, איז אַ פאַלשער גאָלד־רעגען, אַז די יודען מאַכען פאַלש געלד און מיט דעם צאָהלען זיי די אַראַבער פאַר׳ן באָדען און דערמיט צאָהלען זיי אויך פאַר אַלץ, וואָס זיי קויפען. די אַראַבישע העצערס חזר׳ן איבער די אַלטע מעשיות וועגען באָדען, וועגען לאַנד און וועגען נאָך אַזעלכע גוטע זאַכען.

אָט די העצע האָט איצט נישט אַזאַ דערפאָלג, דאָס איז אמת. די אַראַבער, וועלכע האָבען אויף אַ דירעקטען און אומדירעקטען אופן צו טון מיט די יודען, די, וואָס זענען נהנה פון דעם אמתין יודישען גאָלד־רעגען, — אָט די אַראַבער טרעטען גאָרנישט, זיי טונקען נישט איין אַ פינגער אין קאַלט־וואַסער צו פערטשעפּען זיך מיט יודען. פאַרקערט, זיי זענען גאָר מיט די יודען קוצעניו־מוצעניו.

עס זענען אָבער פאַראַן אַנדערע אַראַבער אויך, די, וואָס האָבען גאָרנישט, די, וואָס ווילען גאָרנישט, די, וואָס ווערען אויפגעהעצט דורך די פּראָפּאַגאַנדיסטען, און אָט די נעמען זיך בפועל ממש צו די יודען, אָט די פאַלען דאָס אָן אויף די פעלדער, די וואַרטען אויף דער קלענסטער געלעגענהייט, זיך צו פערטשעפּען מיט אַ יודען, אָנפאַלען אויף איהם.

און ווידער איז דאָ אַ דריטער סאָרט אַראַבער, — די וואָס זענען בהמיש סעקסועל, די וועלכע שטעלען זיך נישט אָפּ פאַר קיין זאַך, כּדי צו שטילען זייער סעקסועלע תאוה. און טרעפט אַמאָל אַזאַ אַראַבער אַן אין אַ פינסטערען ווינקעל אַ יודיש פּאָרעל, פערלירט דער אַראַבער דעם קאָפּ, פערלירט ער דעם קאָנטראָל איבער זיך און וואַרפט זיך ווי אַ ווילדע חיה. אויב דער יודישער יונגערמאַן מעג, — טראַכט זיך אַזאַ אַראַבער אין אַזאַ מאָמענט, — מעג איך אויך, און וויל דאָס אויך. די רעזולטאַטען זענען, לײדער, בעקאַנט.

און עס איז פאַראַן אַ געפאַהר אין ארץ־ישראל אַז ביז די יודען וועלען נישט ווערען קיין שטאַרקע מערהייט, ביז זיי וועלען נישט געפונען קיין וועג צו פערשטענדיגונג, ביז די אַראַבער וועלען זיך אַליין נישט אויסמענשלען, ביז דאַן איז פאַראַן אַ סכּנה פאַר סעקסועלע איבערפאַלען.

אַ יוד, אַ ציניקער, בטבע, טענה׳ט איין, אַז כּדי אויסצומיידען אַזעלכע זאַכען, וואָלט די רעגירונג גערדאַרפט לעגאַליזירען שאַנד־הייזער אין ארץ־ישראל. ביז אַהער זענען אַזעלכע אַזוי גוט ווי נישטאָ. וואָלט אויף אַזאַ אופן אָפּגעפאַלען אַ גרויסער טייל פון געפאַהר, און אפשר איז דער פאָרשלאָג גאָרנישט אַזוי ציניש, אפשר איז ער מעהר נישט, ווי „מענשליך". טראַכטען וועגען דעם דאַרף מען...

ק. באַזילאַנסקי

Doktór
Z. Henrykowski
ספעציאַל־אַרצט פאַר ווענערישע
הויט־קראַנקהייטען און מענער־שוואַכע
וואוינט יעצט
9 טראַוגוטאַ 9
טעל. 262-98
נעהמט אָן פון 8—11 און פון 6—9 אָוונד.
פאַר פרויען: אַ ספּעצ. וואַרטע־זאַל

דער מוזיקאַנט

(דערצעהלונג) — פון ל. פיראַנדעלאָ

אַ יונגערמאַן, אין אַן׳אָפּגעטראָגענעם מאַנטעל אין די הענד, רויט פון קעלט, אַן׳אַלטע וואַליזע און אַ פּעקעל, האָט אַ פרעג געטון דעם בעדינער:

— קאָן מען זעהען טערעזינע׳ן?

— טערעזינע׳ן? ווער איז דאָס? — האָט דער בעדינער אָפּגעמאָסטען דעם פרעמדען.

— טערעזינע, די זינגערין.

— אהה, — האָבען דעם בעדינערס אויגען אָפּגעבלאַנקט — און ווער זענט איהר? אַן׳אייגענער?

— יאָ, אַן׳אייגענער, נישט קיין אייגענער, איז דער פרעמדער געוואָרען שטייף, — זאָגט, אַז מיקושאַ איז דאָ, מיקושאַ באַנאַווינאַ.

— איהר וועט אַזוי גוט זיין און צוואַרטען, די סיניאָראַ און איהר מוטער זענען נאָך אין טעאַטער.

וואָס אמת האָט מיקושאַ געוואָלט און געדאַרפט זאָגען דעם בעדינער, אַז ער איז טערעזינעס חתן. ווען ער זאָגט עס, וואָלט דער בעדינער זיך צו איהם בעצויגען, ווי אַ באַלעבאָס. ער האָט זיך אַ פרעג געטון:

— ענטשולדיגט, וועמעס הויז איז עס?

— אונזערס — האָט דער בעדינער געענטפערט.

— איז עס דאָך אמת, אַז טערעזינע איז רייך, שטיין רייך. דער בעדינער, דאָס שיק־יונגעל, די קעכין — טערעזינע האָט וועגען דעם אַלעם אַפילו נישט געח׳לומ׳ט.

ער האָט פאַר זיך געזעהען דאָס דאַך־שטיבעל, אין מעסינע, וואו טערעזינע האָט געוואוינט מיט איהר מוטער. ווען נישט ער, וואָלטען מאַמע־טאָכטער מיט פינף יאָהר צוריק געשטאָרבען פון הונגער. ער, מיקושאַ, האָט דער ערשטער אויסגעפונען, אַז טערעזינע האָט אַ וואונדערבאַר קול. מיט איהר געזאַנג האָט זי פערטריבען די נויט. ער מיקושאַ, האָט זיי אויסגעהאָלפען מיט וואָס ער האָט געקאָנט. ער האָט געהאַט אַ שטעל, געשפּילט פלייט אין דעם דאָרף־אָרקעסטער. מיקושאַ איז געווען אַזוי פערליבט אין טערעזינע׳ס זינגען, אַז ער האָט געבראַכט איהם דאַך־שטיבעל דעם קאַפּעלמייסטער, לאָז ער אויך הערען.. טערעזינע האָט גענומען די ערשטע לעקציעס אין מוזיק. פאַר צוויי יאָהר צייט האָט מיקושאַ אויס בעצאָהלט אויף טערעזינע׳ס לעקציעס אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט. ער האָט איהר געדונגען אַ פּיאַנאָ, געקויפט נאָטען, געצאָהלט דעם לערער. ווי גוט ס׳איז מיקושאַ׳ן דעמאָלט בעקאַנט. טערעזינע האָט זיך געריסען פונ׳ם דאָרף, זיך געריסען אין דער ברייטער וועלט אַריין. גע

גלויבט דעם לעהרער, אַז זי וועט ווערען בעריהמט. ווי ליב האָט זי געהאַט מיקושאַ׳ן, איהם פערזיכערט, אַז ווען זי וועט בעריהמט ווערען, וועט זי זיך מיט איהם, מיקושאַ׳ן, טיילען. דערנאָך האָט מיקושאַ זי געשיקט קיין נעאַפּאָל, זי געשיקט אין אַ קאָנסערוואַטאָריע, זי אויסגעהאַלטען. ער האָט פערקויפט ס׳הויז מיט׳ן שטיקעל ערד, וואָס אַ פעטער האָט איהם איבערגעלאָזט ירושה, און ס׳געלד געגעבען טערעזינע׳ן.

פון דעמאָלט אָן האָט ער זי נישט געהאַט געזעהען. ווי לאַנג זי איז געווען אין דער קאָנסערוואַטאָריע האָט זי איהם געשריבען בריף, דערנאָך האָט די מוטער געשריבען, טערעזינע האָט בלויז צוגעשריבען אַ גרוס. ס׳איז געווען אָפּגעמאַכט צווישען זיי, טערעזינע זאָל זיין פינף, זעקס יאָהר פריי. ביידע זענען געווען יונג, ביידע האָבען צוגעשטימט צו וואַרטען. דערנאָך איז מיקושאַ קראַנק געוואָרען, האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען. טערעזינע האָט איהם געשיקט אַ סך געלד. אַ טייל פונ׳ם געלד, איז אַוועק אויף דער קרענק. ס׳איבעריגע האָט ער אַרויסגעראַטעוועט פון זיינע גייציגע קרובים. איצט איז ער געקומען אָפּצאָהלען דעם חוב. ער האָט פון טערעזינע׳ן קיין געלד נישט געוואָלט נעמען.

ס׳טיר־גלעקעל האָט זיך צעקלונגען. דער בעדינער האָט אויף זיך אַרויפגעכאַפּט דעם פראַק און האָט אַ געשריי געטון:

— די סיניאָראַ קומט!

מען האָט געטראָגען קאָשען בלומען. מיקושאַ האָט געזעהען ווי דאַמעס און הערען, אויסגעפּוצטע, שאַרען זיך פערביי. ער האָט דערהערט אַ געלעכטער, ווי גלעקלעך וואָלטען זיך צעקלונגען. איז דאָס טערעזינע׳ס געלעכטער? איהר מוטער איז אַריינגעקומען. אויסגעפּוצט אין זיידענס, אין סאַמעט:

— וועמען זעה איך? מיקושאַ! אַזוי אומדערוואַרטעט? פאַרוואָס האָסטו נישט געלאָזט וויסען, אַז דו קומסט? ווען ביסטו אָנגעקומען?

— ווען כ׳בין געקומען? — האָט מיקושאַ נישט געוואוסט וואָס צו זאָגען.

— ס׳איז היינט אַ יום־טוב פאַר טערעזינע׳ן — האָט די מוטער נישט אויפגעהערט צו רעדען — זי האָט דאָרט איהרע נאָהענטע פריינד...

— ווען איך ווייס — האָט מיקושאַ געשטאַמעלט — ס׳איז ביינאַכט, כ׳בין אַ פרעמד׳ער דאָ אין שטאָט, אַזוי וואָלט איך אַוועקגעגאַנגען.

ער האָט נישט געזעהען, ווי די מוטער איז אַרויס. די אויגען זענען פערלאָפען. וואו איז ער? אָט שטעהט שוין ווידער די אַלטיטשקע פאַר איהם. די רעדט? וואָס זאָגט זי?

— בלייב. מיר וועלען ביידע עסען אָוונד־ברויט. טערעזינע איז פונקט היינט אַזוי שטאַרק פערנומען. אַרים מיידעל מיינע. און דו ביזט אַ מבין, ווי ס׳קאָכט מיט איהר אַ וועלט? די צייטונגען זענען פול מיט איהר.

מען האָט געדעקט דעם טיש. צעשטעלט מאכלים. מיקושאַ האָט זיך געפרעגט:

— כ׳וואָלט געוואָלט בלויז אַ קוק טון אויף איהר.

— זי וועט באַלד אַריינקומען, זוהן מיינער.

ביידע האָבען זיך אָנגעקוקט. ביידע האָבען געשמייכעלט. פון די אַנדערע צימערען האָט זיך דערטראָגען אַ פריילעך לאַכען. טערעזינע׳ס מוטער האָט איהם אָנגעגאָסען אַ גלאָז וויין, זיך געבעטען:

— טרינק, מיקושאַ.

ווי מיקושאַ האָט געוואָלט נעמען ס׳גלאָז וויין, האָט זיך די טיר געעפענט און ס׳האָט זיך דערהערט דאָס רוישען פון זיידענס. ס׳צימער איז מיטאַמאָל ליכטיגער געוואָרען.

— טערעזינע.

די באַקען האָבען זיך ביי איהם צעפלאַמט. די אויגען זענען געקראָכען פון קאָפּ, ס׳מויל איז געבליבען אָפען. איז דאָס טערעזינע? די פלייצעס נאַקען, ס׳האַרץ נאַקעט — א ים בריליאַנטען. ס׳איז נישט געווען טערעזינע. וואָס זאָגט זי? ער האָט קיין זאַך נישט דערקענט — נישט ס׳קול, נישט די אויגען, נישט ס׳געלעכטער.

— ווי פיהלסטו זיך, מיקושאַ? ביזט איינגאַנצען געזונד? גוט, גוט. מיר וועלען זיך באַלד זעהען. פערברענג דערוויל מיט דער מאַמע, גוט?

טערעזינע האָט זיך פערביי געטראָגען מיט א רויש, איז צוריק אַריין אין עס־צימער.

— פאַרוואָס עסטו נישט מיקושאַ? — האָט די מוטער איהם געמונטערט.

— וואָס, עסען? כ׳קאָן נישט מעהר עסען.

ער האָט דערזעהען, ווי צווישען איהם און טערעזינע׳ן שפּרייט זיך אַן׳אָפּגרונד. אַלץ האָט זיך געענדיגט. אַלץ. ער איז געווען נאַריש. אַלע אין דאָרף האָבען איהם געזאָגט, אַז ס׳וועט זיך אַזוי ענדיגען. וואָס טוט ער דאָ אין דעם הויז? צו וואָס איז ער געפאָהרען זעקס און דרייסיג שעה מיט דער באַהן? אויסצוגעפינען צי זי, די קעניגין טערעזינע איז נאָך זיין כּלה? ס׳איז נישטאָ וועד ס׳זאָל לאַכען! אָט שלעפּט איהם טערעזינע אין עס־צימער אַריין, זאָגט:

„קוקט, קוקט אויף דעם פלייט־שפּילער, וואָס וויל מיט מיר חתונה האָבען"! און אַז ער, מיקושאַ, האָט זי געמאַכט פאַר אַ קעניגין, איז וואָס? פערגעס, מיקושאַ, פערגעס. ער האָט מיטאַמאָל אַראָפּגעגאָסען זיין ״״יסטער:

— כ׳בין געקומען אייך אָפּצאָהלען דעם חוב. כ׳וויל פון טערעזינע׳ן קיין געלד נישט. כ׳בעדויער בלויז, וואָס כ׳האָב נישט דעם גאַנצען חוב — —

— וואָס מיינסטו, מיין יונגעל? — איז די אַלטע געוואָרען געריהרט ביז טרערען — פאַרוואָס בעליידיגסטו מיך? און וואָס איילסטו זיך? וואָרט, כ׳וועל זאָגען טערעזינע׳ן, אַז דו געהסט אַוועק.

כ׳בעט אייך, זאָגט נישט. שטערט איהר נישט. ווי קום איך אַן׳אָרימער פלייט־שפּילער, צו איהר, צו אַ קעניגין. כ׳האָב זי שוין געזעהען. — גענוג, גענוג. איהר ווילט דוקא זיי זאָלען לאַכען פון אַן׳אָרימען פלייט־שפּילער?

— ביזט גערעכט — האָט די אַלטע זיך צעוויינט, — דאָ איז נישט קיין פּלאַץ פאַר דיר. גערעכט, כ׳האָב דיך אָפּגערעדט, זאָלסט נישט אַוועקשיקען טערעזינע׳ן? האָסטו מיך נישט געפאָלגט, איצט איז שפּעט.

— וועל איך געהען. ווייז נישט מאַרטע, וויין נישט, — און ער האָט אַן׳עפען געטון ס׳פּעקעל, אויסגעשאָטען גרויסע סיציליאַנער פּאָמעראַנצען.

— וואָס זאָגסטו, ווען איך נעם שלײדערן די פּאָמעראַנצען אין דעם עולם דאָרט אין עס־צימער? האָב נישט מורא, איך וועל נישט וואַרפען. כ׳האָב זיי געבראַכט פאַר טערעזינע׳ן, כ׳לאָז זיי אָבער דיר איבער, בלויז דיר, מאַמעשי. זיי שמעקען, האַ? זיי שמעקען מיט סיציליע, מיט אונזער לאַנד. נו, בלייב מיר געזונד.

ער האָט גענומען די וואַליזע און איז אַרויס. אויף די טרעפּ האָט איהם אָנגעכאַפּט א שרעק, — וואו וועט ער געהען ביינאַכט, אַ פרעמדער און דאָ גיסט, ס׳מבול׳ט? ער איז געבליבען זיצען אויף די טרעפּ. די הענט האָט ער אָנגעשפּאַר׳ט אויף די קני, ס׳פּנים אויף די האַנדפלאַכען. ער האָט געוויינט.

נאָכ׳ן אָוונדברויט איז טערעזינע ווידער אַריין צו מיקושאַ׳ן. ער איז נישט געווען. די מוטער איז געזעסען אַ פערוויינטע.

— וואו איז מיקושאַ?

— ער איז אַוועק־

— אַ שאָד.

זי האָט זיך באַלד צעלאַכט. די מוטער האָט געוויזען אויף די גרויסע פּאָמעראַנצען:

— דאָס האָט ער געבראַכט פאַר דיר.

— ווי שעהן! — האָט זי אַ זאָג געטון.

זי האָט אַ נעם געטון די האַנד צו דער ברוסט, אויסגעלייגט די פּאָמעראַנצען, ווי אַ פּיראַמידע און גענומען געהען אין עס־צימער אַריין.

— נישט אַהין, נישט אַהין, — האָט די מוטער איהר נאָכגעשריגען.

טערעזינע האָט אַ צ׳ געטון מיט די אַקסלען, איז אַריין אין עס־צימער און גענומען אויסרופען:

— סיציליאַנער פּאָמעראַנצען! סיציליאַנער

יידיש א. פּען.

פון מאַרשאַל פּילסודסקי׳ס רעוואָלוציאָנערער פערגאַנגענהייט.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז אַלעקסאַנדרא שטשערבינסקאַ אַרויסגעפאָהרען פון גאַליציע צו ברענגען דעם רעשט געלד, וואָס איז געווען בע־גראָבען אין וואַלד לעבען יאַשון.

דאָרט האָט דער באָיאָוויעץ, סאַוויצקי, וועלכער איז אין איין צייט געקומען אַהינצו, געהאָלפען אויס־גראָבען דעם זאַק זילבער־געלד, איבערלאָזענדיג דאָס זעקעל ווערט־פּאַפּירען און אַלעקסאַנדראַ שטשערבינסקאַ איז צום צווייטען מאָל אַריבער די גרעניץ קיין גאַליציען מיטן פּעקעל זילבער־געלד.

קורץ דערנאָך איז אַהערצו אין דער בעהעל־טעניש אין וואַלד געקומען דער באָיאָוויעץ סאַ־וויצקי און האָט אַרויסגענומען אַלע ווערט־פּאַפּי־רען. אויסגעביטען די ווערט־פּאַפּירען אויף געלד האָט אַלעקסאַנדער פּריסטאָר, אָבער די בייטענישען האָבען געקאָסט אַ סך געלד, אַנ׳ערך 150 טויזענד רובל האָט מען פונדעסטוועגען בעקומען פאַר די אויסגעביטענע פּראָצענט־פּאַפּירען.

זילבער און קופּער־געלד האָבען זיי נישט גער־יהרט.

בעת׳ן זוכען אַדי שפּורען פון די באָיאָוועס, האָט מען אויף די וועגען קיין ווילנע געפונען סי־מנים פון אַנ׳איבערגעקעהרטער בריטשקע, עטלי־כע לעמפּלעך פון ראָווערען, פערלוירענע, וזהט אוים, בשעת זייער האסטיגען אַפּציהען, אויף די רעלסען האָט מען געפונען 6 באָמבעס, עט־ליכע ברויניגגען און אַנדערע געצייג.

ווען אינמיטען דער אַקציע איז אָנגעקומען אַ משא־צוג, האָט דער אַרעסטירטער באַהן־וועכטער אויפמערקזאַם געמאַכט די באָיאָוועס, אַז מ׳דאַרף פערמאַכען דעם סעמאַפאָר.

כדי ס׳זאָל נישט פּאַסירען קיין באַהן־קאַטאַס־טראָפע, האָבען די באָיאָוועס געענטפערט, אַז אַלץ איז שוין אין אָרדנונג און אַז זיי אַליין האָ־בען איבערגעשטעלט די וועג־סיגנאַלען.

די אויסגעפרעגטע עדות האָבען דערציילט, אַז אין דער אַקציע האָבען זיך בעטייליגט 2 פרויען, וועלכע זענען באַלד פערשוואונדען אָהן שום שפּורען.

דער נאַטשעלניק פון דער באַהן־סטאַציע האָט דערציילט, אַז ער האָט יענע נאַכט נישט דיזשו־רירט. ער איז געלעגען אין דער פינסטער, ביי זיך אין שטוב און צוגעקוקט, וואָס עס טוט זיך אין דעם פּאָסט־וואַגאָן, וועלכער איז געווען בע־לויכטען.

די באָיאָוועס האָבען געקליבען די פּאָסט־פּאַקעטען ווי געניטע פאַכלייט, 2 פון זיי האָבען געטרונקען טיי, וואָס די באַהן־בעאַמטע האָבען געהאַט אָנ־געגרייט פאַר זיך.

דורך די אויסגעזעצטע שויבען האָבען זיך געהערט די געשפּרעכען פון די באָיאָוועס, ער האָט געהערט ווי איינער האָט אויסגעשריען אויף רו־סיש: „וואַנקאַ צינד אָן די באָמבע!“ „וואַנקאַ דער־לאַנג די האַק!“ ווען די באָיאָוועס זענען אַוועק, זענען די באַהן־בעדינער געווען אַזוי צעטומעלט, אַז זיי האָבען נישט פערשטאַנען וואָס מ׳רעדט צו זיי און האָבען נישט געפאָלגט וואָס מ׳האָט זיי געהייסן.

לעבען בנין פון דער באַהן־סטאַציע האָט מען אויפגעהויבען אַ פּעקעל, וועלכעס מ׳האָט אין ערשטען מאָמענט אָנגענומען אַלס אַ באָמבע. ביים פונאַנדערפּאַקען האָט מען אין פּעקעל געפונען 2 הערינג, ציבעלע, ברויט, און אַ ברויניגג מיט 12 קוילען.

אין אַ פּאָר שעה אַרום נאָך דער אַקציע, זענען קיין בעזדאַן אָנגעקומען 2 ספּעציעלע צוגען. אין איינעם זענען געפאָהרען די העכערע בעאַמטע פון דער באַהן־דירעקציע און אין צווייטען — אַ פּערסאָנאַל דאָקטוירים און פעלדשערס.

(סוף מאָרגען)

וואָס די צייטונגס־רעפּאָרטערן האָבען דאָן דערצעהלט וועגען דער בעזדאַנער אַקציע

דער צייטונגס־רעפּאָרטער פון „קוריער לי־טעווסקי“, וועלכער איז באַלד נאָך דער אַקציע אַרויסגעפאָהרען קיין בעזדאַן, האָט דערציילט אויף די שפּאַלטען פון זיין צייטונג פאָלגענדעס:

דער פּאָסט־צוג נומער 4, וועלכער איז אָפּגע־גאַנגען פון ווילנע קיין פּעטערבורג, איז בעשטאַנען פון אַ רייה פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען, און א געפּאַנ־צערטען פּאָסט־וואַגאָן. אין דאָזיגען וואַגאָן האָבען זיך געפונען די סומעס, וואָס מען האָט אָפּגע־לייזט פאַר באַהן־בילעטען אויף די סטאַציעס פון וואַרשע ביז רודזישעק, ווי אויך פון די באַהן־סטאַציעס ווערזשבאָלאָוואַ־ווילנא. דעם פּאָסט־וואַגאָן האָבען געהיטען 7 בעוואָפענטע זעלנער און 2 זשאַנדאַרען.

קורץ פאַר האַלבער נאַכט, ווען דער פּאָסט־צוג האָט זיך דערנענטערט צו דער סטאַציע בעז־דאַן, איז אויפ׳ן וואקזאַל פּלוצלינג ערשינען אַ בעוואָפענטע גרופּע מענשען, וועלכע האָט זיך פו־נאַנדערגעלייגט אין קלענערע גרופּעס. אַ טייל פון זיי האָט אַרעסטירט די בעדינערשאַפט פון דער סטאַציע, אַ טייל האָט אויסגעלאָשען די פייערן און צושניטען די טעלעגראַפען און טעלע־פאָנען־פערבינדונג און די דריטע האָט בעלאַגערט דעם פּאָסט־וואַגאָן.

באַלד האָבען געגומען קנאַלען באָמבעס און אַלע וואַגאָנעס זענען די שויבען אויסגעזעצט גע־וואָרען. דער וואַגאָן מיט דער זעלנער־וואַך איז צושמעטערט געוואָרען.

די בעוואָפענטע גרופּע, וואָס האָט זיך אריינ־געריסען אין פּאָסט־וואַגאָן, האָט געזוכט אין די אויפגעריסענע 30 מעשענע קעסטלעך פון דער געפּאַנצערטער קאַסע בלויז באַנקנאָטען און גאָלד,

א בריף פון גען. מיניסטער מאַראַטשעווסקי

צו א קיעלצער יודישען שניידער, וואָס האָט מיטגעהאָלפען צו פּוילען׳ס בעפרייאונג

קיעלץ. דער 70־יעהריגער יודישער שניי־דער ה׳ מרדכי גאַרנעק פון קיעלץ, האָט בעקומען צוגעשיקט פון גען. מיניסטער מאַראַטשעווסקי פאָלגענדען וויכטיגען און היסטאָרישען דאָקומענט, וועגען זיין מיטהילף צו דער בעפרייאונג פון פּוילען.

דער בריף לויטעט:

„איך בעשטעטיג, אַז דעם ה׳ מ. גאַרנעק האָב איך בעקענט אין קיעלץ. אין יאָהר 1914, ווען ער האָט זיך פערנומען מיט מונדורירען די אָפּ־טיילונגען פון פּוילישען סטזשעלעץ, אונטער דער אָנפיהרונג פון מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי, שפּעטער די ערשטע בריגאַדע.

הגם — שרייבט מיניסטער מאַראַטשעווסקי — די מלחמה - לאגע איז געווען א זעהר אונזיכערע. הגם די גאַנצע בעפעלקערונג האָט געגלויבט אינ׳ם צוריקצוג פון די מאָסקאַלעס קיין קיעלץ, האָט דער שניידער־מייסטער ה׳ גאַרנעק זיך נישט אָפּגעזאָ־קען, אונטערצונעמען זיך די אַרבייט פון מאַכען מונדירען פאַר אונזער מיליטער. ער האָט אָרגאַני־זירט אַ גרויסען וואַרשטאַט, אין וועלכען ס׳האָבען געאַרבייט עטליכע צוואַנציג מענשען און האָבען אויסגעאַרבייט עטליכע הונדערט מונדירען, צופרי־דענשטעלענד און ביליג, פאַר וועלכע כ׳האָב פאַר אַ טייל פון זיי בעצאָהלט מיט אַ קוויט, אויסגע־שטעלט אויפ׳ן פּוילישען מלוכה־ אוצר וואָס האָט נאָך דעמאָלס נישט עקזיסטירט.

נאָך אונזער פערלאָזען קיעלץ, זענען אַריינ־געקומען די מאָסקאַלעס און געגען ה׳ גאַרנעק איז, ווי געגען אַלע אַנדערע, וואָס האָבען פאַר אונז עפּעס געטון, געפיהרט געוואָרען אַנ׳אויס־פאָרשונג. ווען מיר זענען אין אַ צייט שפּעטער ווידער געקומען קיין קיעלץ, (דער דאָזיגער פאַל האָט זיך דריי מאָל איבערגעחזרט) האָט ה׳ גאַרנעק אָהן שרעק ווייטער געאַרבייט פאַר אונז.

היינט איז ער אַלט און איז אונפעהיג צו דער אַרבייט. ער דאַרף הילף פון יענע קרייזען מענשען, וואָס אַנערקענען, אַז ער האָט אין דער פאַר אונז שווערער צייט, צוגעלייגט זיין האַנד, לויט זיינע מעגליכקייטען, צו בעקומען די אונאָפּהענ־גיגקייט פון פּוילען“.

(—) אינזש. מאַראַטשעווסקי.

* * *

דער אַלטער גאַרנעק בעקומט פון צייט צו צייט געוויסע בעלוינונג פון דער מלוכה פאַר זיין בע־שיידענער מיטהילף צו דער בעפרייאונג פון פּוי־לען, דער דורכ׳ן גען. מיניסטער מאַראַטשעווסקי אין יאָהר 1914 אויסגעשטעלטער קוויט אויף׳ן פּוילישען מלוכה־אוצר איז טאַקי טאַלערירט גע־וואָרען, אָבער גאַרנעק איז, ווי מיניסטער מאַראַ־טשעווסקי שרייבט אין בריף, אַלט, קראַנק און אונפעהיג צו דער אַרבייט און מיר זענען זיכער, אַז די מאַסגעבענדע מלוכה־קרייזען וועלען בעריק־זיכטיגען זיין ביטע וועגען געבען איהם אַ לעבענס־לענגליכע פּענסיע, ווי ער האָט זיך באמת פער־דינט.

גאַנץ פּוילען
נעברויכט נור די
פּאַטענטירטע
4 - וואַטקאָווע
גילזעס !!!
„OSMAN“

ראַדיאָ - ווינקעל

ראַדיאָ אַלס זיכערהייטס - מיטעל פאַר דער אַמעריקאַנער פּאָליציי

דאָס נאָך גאָר־יונגע ראַדיאָ־וועזען דרינגט אַלץ מעהר אַריין אין עפענטליכען לעבען פון אַמעריקע.

די אַמעריקאַנער פּאָליציי, וועלכע קען זיך קיין עצה נישט געבען מיט דער אַלץ שטייגענדער פערברעכערישקייט אין די גרויסע שטעט, זוכט אַלץ נייע וועגען און מעטאָדען צו דערשטיקען דעם געוואַלדיגען אויפשטייג פון פערברעכערטום אין אַמעריקאַ.

די לעצטע צייט האָט די אַמעריקאַנער פּאָליציי געוואָרפען אַנ׳אויג אויף ראַדיאָ, אַלס אַ מיטעל צו בעקעמפען די פערברעכעריי.

צו דעם צוועק האָט זי געשאַפען אַ ספּע־ציעלע פּאָליציייִשע לופט־עסקאַדרע פון אַעראָפּלאַ־נען, וואָס זענען פערזעהען מיט ראַדיאָ־סטאַציעס. אויסער דעם זענען אין 15 טויזענד פּאָליציייִשע אויטאָמאָבילען אינסטאַלירט געוואָרען ראַדיאָ־אַפּאַ־ראַטען און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ געיעג נאָך די באַנדיטען.

דער איינפאַל פון דער פּאָליציי האָט געגעבען אויסערגעוועהנליכע רעזולטאַטען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ווי שנעל דער פערברעכער זאָל נישט אַנטלויפען, וועט ער דאָך נישט מאַכען קיין 300 טויזענד קילאָמעטער אין אַ סעקונדע, ווי דאָס מאַכט די ראַדיאָ־כוואַליע.

אַזוי אַרום זענען, אַ דאַנק די שנעלע ראַדיאָ־קאָמוניקאַטען, וואָס זענען צושיקט געוואָרען דורך דער פּאָליציי, פערהאַלטען געוואָרען אין משך פון איין חודש 12.676 פערברעכער. עס איז ביי זיי אָפּגענומען געוואָרען 400 טויזענד דאָלאַר צוגערויבט געלד. אין משך פון דעם זעלבען חודש האָט די פּאָליציי אַרויסגעשיקט 155.656 אַלאַרם־סיגנאַלען איבער 50 אַמעריקאַנער שטעט. אין 15 פאַלען איז אַ דאַנק דעם געהעריגען ראַדיאָ־סיגנאַל פערהיטען געוואָרען פאַר בלוט־פערגיסונג און רוב־אָנפאַל.

רעטונגס הילף פון ענגלישען ראַדיא

דער ענגלישער ראַדיאָ האָט שוין לאַנג א מנהג. אַז ווען עס געשעהט ערגעץ אַנ׳אומגליקס־פאַל, שטעלט ער תיכף אַוועק זיין סטאַציע צו דינסט דער ליידענדער מענשהייט.

בלויז אין פאָריגען יאָהר האָט די צאָהל נויט רופען פון ענגלישען ראַדיאָ בעטראָפען איבער 1000 אין 460 פאַלען האָבען די נויט־רופען געגעבען די הילף צו דער צייט. נישט איין פערפאַלען קינד איז דאַדורך געפונען געוואָרען. אין אַ סך פאַלען האָבען די אַפּטייקער געוואָרענט דורכ׳ן ראַדיאָ נישט צו בענוצען די ע״פּ טעות פערטרויישטע מע־דיצין און טאַקי אַזוירנאָך נישט איינעם מציל געוועזן פון טויט.

Dr. med. L. Berman
צעגעלניאַנע 15. טעל. 149-07
ספּעציאַל־ארצט פאַר מענער־שוואַכ-בעהאַנדלונג און סעקסועלע בעראַטונג.
נעמט אַן פון 8–11 און פון 4–8 אָוונט.
זונטאָג פון 9–1 פאַרמיטאָג.
פאַר אונבעמיטעלטע—לעטשניצע-פרייזע

Dr.
Wołkowyski
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
ציגעל־גאַס 11, טעל. 238-02
נעמט אָן אין הויט- און ווענערישע
קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע
פון 8–11 בייטאָג און פון 4–9 אָוונט

יודישער יונגערמאַן שיסט אין זיין ברודער און אין זיין פערעטערישער פרוי

דאָס ווילנער אַפּעלאַציע־געריכט האָט בע־טראַכט אַ סענסאַציאָנעלע פּראָצעס וועגען אַ בלו־טיגער דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער יודישער פאַמיליע קאַץ אין אָראַן.

אַלס אָנגעקלאָגטער האָט פיגורירט דער יו־דישער יונגערמאַן משה קאַץ פאַר שווער־פערוואונ־דען זיין ברודער און זיין פרוי.

די פאָרגעשיכטע פון פּראָצעס איז פאָלגענדע:

א הייסע ליבע

דעם אָנגעקלאָגטען׳ס ברודער אליהו קאַץ האָט געפיהרט אַ ליבע מיט דער שיינער אָראַנער פריי־ליין לעווינסאָן.

לעווינסאָן האָט זיך גערעכענט פאַר זיינע אַ כלה, די צרה איז אָבער געווען, וואָס אליהו לעווין איז געווען אַרבייטסלאָז, און איז אָפּהענגיג געווען אָן חסד און אומחסד פון זיין עלטערן ברודער משה קאַץ, וועלכער איז געווען אַ פערדינער.

משה קאַץ האָט געהאַנדעלט מיט האָלץ און ער האָט גוט פערדינט.

פריילין לעווינסאָן האָט שוין פון לאַנג בע־מערקט, אַז דער עלטערער ברודער, משה קאַץ, קוקט אויף זיין אַרבייטסלאָזען ברודער מיט קנאה און ווייזט אַרויס צו איהר פיל סימפּאַטיע. ביס־לעכווייז האָט זי זיך גענומען דערנענטערען צום עלטערען ברודער. דער סוף איז געווען, אַז פריי־ליין לעווינסאָן, האָט זיך אין גאַנצען דערוווייטערט פון אליהו קאַצ׳ן און פערזיכערט דעם עלטערן ברו־דער משה קאַץ, אַז זי האָט זיך אין איהם פער־ליבט. משה קאַץ האָט איהר געגלויבט, און ער האָט בעשלאָסען מיט זיהר חתונה צו האָבען. דער ברודער האָט נישט פּראָטעסטירט און משה קאַץ האָט חתונה געהאַט נישט וויסענדיג, אַז זיין פרוי האָט ליב זיין יונגערען ברודער אליהו, פון וועלכען זי האָט רעזיגנירט בלויז צוליב מאַטעריעלע טעמים.

נאָך דער חתונה האָט פרוי קאַץ זיך ווידער דערנענטערט צו איהר געוועזענעם חתן — דעם שוואָגער איהרען אליהו קאַץ. זי פלעגט אָפט פערברענגען אין זיין געזעל שאַפט און ביידע צינגער האָבען געשמועסט, אַז זיי פיהרען אַ הייסע ליבע הינטער די פלייצעס פון זייער ברודער און מאַן.

משה קאַץ פלעגט אָפט אַרויספאָהרען אין די וועלדער און די יונגע פרוי מיט זיין ברודער האָ־בען געהאַט „פרייע“ הענד צו פערברענגען, ווי ס׳גלוסט זיך זיי.

ביסלעכוויז זענען די קלאַנגען וועגען דער ליבע צווישען זיין פרוי און ברודער דערגאַנגען אויך צו משה קאַצ׳ן.

ער האָט צוערשט אין דעם נישט געוואָלט גלויבען און ער האָט בעשלאָסען אויסצופאָרשען עס.

איינמאָל האָט ער שפּעט ביינאַכט אומדער־וואַרטערהייט זיך אומגעקעהרט פון וואַלד, שטיל געעפענט די אַריינגאַנגס־טיר פון זיין וואוינונג מיט אַ שליסעל און אַריין אין שטוב.

מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ איז משה קאַץ אריינ־געגאַנגען אין שלאָף־צימער, ער האָט אָנגעקוועטשט דאָס קנעפּעל פון עלעקטרישען לעמפּעל, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד און איז שטיין גע־בליבען ווי אַ געפּלעפטער.

אין שימערירענדיגען ליכט פון האַנד־לעמפּעל האָט ער בעמערקט זיין ברודער און פרוי אין אַ נישט קיין צווייפעלהאַפטער לאַגע.

משה קאַץ איז אַ ווילדע שטיין געבליבען אָהן בעוועגונג, אין זיין האַרצען האָט אויפגעברויזט אַ שטורעם פון אייפערזוכט, כעס און צאָרן.

א טויט די פערעטער

אַלס בראַקער און וואַלד־סוחר, ווען ס׳פלעגט אויסקומען אָפּט איינזאַם צו וואַנדערען איבער די פינסטערע וואַלד־וועגען, האָט משה קאַץ תמיד געהאַט ביי זיך אין קעשענע אַ רעוואָלווער.

מיט אַ ציטערנדיגער האַנד האָט דער פערראַ־טענער מאַן און אָפּגענאַרטער ברודער אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע דעם רעוואָלווער און אויסגעשאָסען עטליכע מאָל. מיט איינער פון די קוילען האָט ער שווער פערוואונדעט זיין ברודער. וועלכער איז נאָך אַ לענגערער קוראַציע, געזונד געוואָרען. נאָר איז פערבליבען אַ קאַליקע אויף אייביג. די פעררע־טערישע פרוי איז פערוואונדעט געוואָרען לייכטער.

אויפ׳ן אָפּקלאַנג פון די שאָסען זענען אָנגעלאָ־פען שכנים, וועלכע האָבען אַליאַרמירט די פּאָליציי. משה קאַץ איז פערהאַלטען געוואָרען.

זיין פּראָצעס האָט בעטראַכט דאָס ווילנער קרייז־געריכט אויף זיין אַרויספאָהר־סעסיע קיין דיסנע. דאָס קרייז־געריכט האָט איהם פערמשפּט אויף 6 יאָהר טורמע.

ער האָט אַפּעלירט און נעכטען איז זיין פּראָ־צעס בעטראַכט געוואָרען דורכ׳ן ווילנער אַפּעלאַציע געריכט.

דאָס אַפּעלאַציע־געריכט האָט בעשטעטיגט דעם אורטייל פון דער ערשטער אינסטאַנץ.

משה קאַץ וועט דאַרפען אָפּזיצען 6 יאָהר.

נייער פֿאָלקסבלאַט

דאָס לאָדזער לעבען

נייער פֿאָלקסבלאַט

ראַיאָן=צוזאַמענפֿאָהר פֿון יודישע כאַלופּניקעס

דער כאַלופּניק

אויף וויפֿיל דער יודישער האַנדווערקער איז נישט געוואָרן סאָלידירט, איז דער כאַלופּניק איינגאַנצען געוואָרן פֿערשטויסען. קיינער האָט זיך פֿאַר איהם נישט געוואָלט אָננעמען — יעדער האָט מורא געהאַט, אַז מיט'ן אָננעמען זיך פֿאַר'ן כאַלופּניק וועט ער אַליין ליידען אַנ'עולה. רופֿען פֿלעגט מען איהם טאַנדייטער, אָרגאַניזירט איז ער איינגאַנצען נישט געווען. אויף איין שטעל פֿלעגט מען איהם גאָר אַנגעזעהן, — ביי די פּראָצענטניקעס, דאָרט איז ער געווען (ליידער נאָך איצטער) אַנ'אָפּטער גאַסט, צו שינדען די הויט פֿון אָרימען האָרעפּאַשניק.

היינט אָבער ווערט דער כאַלופּניק שוין בעטראַכט ווי אַנ'אַרבייטס-מענש, און מיט'ן זעלבען רעספּעקט, מיט וועלכען מען בעציהט זיך היינט בכלל צו אַרבייט — ווערט אויך שוין בעשאַנקען דער כאַלופּניק. ס'פֿעהלט נאַטירליך נאָך אַ גאַנץ סך אויף צו בעזייטיגען די פֿאָראורטיילען אָבער דאָס זעלבע לעבען, וואָס האָט דאָס ערשטע איינגעבראָכען, וועט אויך ווייטער דורכברעכען די געזעלשאַפֿטליכע אַנערקענונג פֿאַר'ן כאַלופּניק.

אין די לעצטע יאָהרען ווערט זעהר פֿיל גערעדט אַרום דעם כאַלופּניקעס-פּראָבלעם, די ווירטשאַפֿטליכע לאַגע, דער קריזיס, האָט פֿיל צוגעהאָלפֿען די כאַלופּניקעס-פֿראַגע צו אַקטואַליזירען. וואָס ווייטער די כאַלופּניקעס-קרייזען זענען זיך צוואַקסען, אַלס נויטווענדיגער האָט זיך אַרויסגעוויזען די אינבעדינגטקייט פֿון זעלבסטשטענדיגע צענטראַלע אָרגאַניזירונג. ווירטשאַפֿטליך איז היינט די כאַלופּניקעס-פּראָדוקציע אַ פֿאַקטאָר. מיט וועלכען מען מוז זיך רעכענען אין דער ווירטשאַפֿטליכער איינשטעלונג פֿון לאַנד. וואָלט נישט געווען די גרויסע בעשרענקונגען. וואָס הערשען זיך אָפּט אין דער פּראַקטיק מיט'ן געזעץ, וואָלט זיך נאָך פֿרייער און שטאַרקער די כאַלופּניקעס-פּראָדוקציע ענטוויקעלט. לויט'ן געזעץ איז דער כאַלופּניק בעפֿרייט פֿון אַ פּאַטענט, אומזאַץ-שטייער א. אַז. וו. און דאַרף געניסען פֿון דער גאַנצער סאָציאַלער שוץ-געזעצגעבונג. געזעצליך ווערט ער בעטראַכט ווי אַנ'אַרבייטס-נעמער, אין דער ווירקליכקייט אָבער מאַכט מען איהם פּראָטאָקאָלען פֿאַר נישט האָבען קיין פּאַטענט און מ'בעשטימט איהם דוקא אַ הויכען אומזאַץ-שטייער. היינט איז שוין געשאַפֿען אַ נעץ פֿון כאַלופּניקעס-פֿעראיינען איבער'ן גאַנצען לאַנד מיט יעדער בראַנזשע בעזונדער.

פ. גאָלדקראַנץ.

לויט דער איניציאַטיוו פֿון דער לאָדזער עקספּאָזיטור פֿון צענטראַלען יודישען האַנדווערקער-פֿערבאַנד אין פּוילען איז נעכטען פֿאָרגעקומען אַ ראַיאָן-צוזאַמענפֿאָהר פֿון די כאַלופּניקעס-אָרגאַניזאַציעס פֿון דער לאָדזער וואָיעוואָדשאַפֿט, צום צוזאַמענפֿאָהר, וועלכער איז פֿאָרגעקומען אין לאָקאַל פֿון דער לאָדזער האַנדווערקער-עקספּאָזיטור פּיעטרקאָווער 20 זענען געקומען דעלעגאַטען פֿון די כאַלופּניקעס-פֿעראיינען אין די שטעט פֿון לאָדזער ראַיאָן ווי אויך פֿון זאַגלעמביע, שלעזיען, טשענסטאָכאָוו און פֿון וואַרשאָ.

פֿון לאָדז זענען געווען פֿערטרעטען אַלע כאַלופּניקעס-אָרגאַניזאַציעס ביי די האַנדווערקער-פֿעראיינען אין אונזער שטאָט.

אין אַנוועזענהייט פֿון וויצע-דירעקטאָר פֿון דער לאָדזער האַנדווערקער-קאַמער ה' לוטראָשינסקי האָט דער פּרעזעס פֿון דער לאָדזער האַנדווערקער-עקספּאָזיטור, אַדוו. ווייצמאַן געעפֿענט דעם צוזאַמענפֿאָהר אין פּויליש און אין יודיש. ביי דער געלעגענהייט האָט אַדוו. ווייצמאַן פֿאָרגעלעגט דעם צוזאַמענפֿאָהר צו בעעהרען מיט אויפֿשטעהן דעם אָנדענק פֿון מאַרשאַל פּילסודסקי. די אַנוועזענדע האָבען אָפּגעגעבען כבוד דעם מאַרשאַל דורך אַ מינוט שטילשווייגען שטעהענדיגערהייט.

אַדוו. ווייצמאַן האָט אין אַ קורץ-געפֿאַסטער רעדע אויפֿגעקלערט דעם צוועק פֿון צוזאַמענפֿאָהר, וועלכער דאַרף אַרויסטראָגען אין דער עפֿענטליכקייט דעם אויסדרוק פֿון דעם עלענד און רעכטלאָזיגקייט פֿון די גרויסע מענגעס יודישע כאַלופּניקעס, וועלכע בילדען דעם גרעסטען פּראָצענט-זאַץ פֿון יודישען בעל-מלאכה אין פּוילען.

דערויף נעמט איבער דעם פֿאָרזיץ פֿון צוזאַמענפֿאָהר דער לאָדזער דעלעגאַט פֿעלדמאַן, וועלכער עפֿענט די אייגענטליכע טאָג אָרדנונג מיט'ן פּונקט בעגריסונגען.

די ערשטע בעגריסונגס-רעדע האַלט דער פֿערטרעטער פֿון דער לאָדזער האַנדווערקער-קאַמער, ה' לוטראָשינסקי, וועלכער ווייזט אָן אויף די שוועריגקייטען. אויף וועלכע עס שטויסען זיך אָן לעת-עתה די בעזונדערע מאַכטהאָבענדע אינסטאַנצען ביים אינטערפּרעטירען דעם בעגריף „כאַלופּניק“. ער דריקט אָבער אויס זיין האָפֿנונג, אַז דאָס וויכטיגע פּראָבלעם וועט נישט לאַנג דאַרפֿען וואַרטען אויף זיין לעזונג. די מאַסגיביגע קערפּערשאַפֿטען אַרבייטען שוין אויס געהעריגע פּראָיעקטען. וואָס עס איז שייך דער לאָדזער האַנדוו.-קאַמער — האָט געזאָגט ה' לוטראָשינסקי — איז זי שטענדיג גרייט מיטצוהעלפֿען אַלע בעלי-מלאכות אָהן אונטערשיד אין אויסבינדען זיך פֿון זייערע פֿליכטען בנוגע דעם געזעץ און די פֿאָרשריפֿטען, אונטער וועלכע עס אונטערליגען די האַנדווערקער. ער בעגריסט לסוף דעם צוזאַמענפֿאָהר און ווינשט איהם ערפֿאָלג אין דער אַרבייט, אינ'ם נאָמען פֿון פּרעזעס פֿון דער „קאַמער“ און אינ'ם נאָמען פֿון דירעקטאָר.

מיט בעגריסונגס-רעדעס טרעטען דאַן אַרויס די בעזונדערע דעלעגאַטען, וועלכע דערמאָנען דורך אגב דעם גורל פֿון יודישען כאַלופּניק, וועלכער איז היינט צו טאָג גע'רודפֿט סיי דורכ'ן אַרבייטס-געבער, וועלכע נוצען איהם אויס ביז'ן ביין. פֿון אַלעמענס רעדען האָט זיך געהערט אַ גאַמע פֿון טיפֿער פֿערביטערונג, אַ וועה-רוף און אַנ'אַפּעל צו געבען זיך די הענד, כדי אַלע כאַלופּניקעס, געאייניגט אין אַ בשותּפֿות'דיגער מחנה, זאָל קענען בילדען אַ כּוח פֿון זעלבסטפֿערטיידיגונג און שוץ פֿון די טאָג-טעגליכע אינטערעסען.

אין דעם גייסט האָט גערעדט דער דעלעגאַט פֿון דאָמבראָווער זאַגלעמביע און שלעזיען, וועלכער האָט אויך דורכגעפֿיהרט אַ פֿערגלייך צווישען בעשטעלטען בעל-מלאכה און כאַלופּניק אונטערשטרייכענדיג, אַז דער בעשטעלטער פֿאַכמאַן האָט אייגענטליך זיך נישט צו גרויסען מיט זיין „בעשטעלטקייט“. מיר, כאַלופּניקעס — האָט ער אויסגערופֿען — זענען גרעסערע קינסטלער אין פֿאַך. די אַרבייט פֿון שניידער-כאַלופּניק, למשל, וועלכער מאַכט פֿאַרטיג אַ שטיקעל אַרבייט אין משך פֿון 2 שעה. קומט עס אַרויס אַ „צאַצע“ אין פֿערגלייך מיט דער האַרעוואַניע, וואָס דער בעשטעלטער שניידער לעגט אַריין אין שטיק אַרבייט, וואָס גע-דויערט עטליכע טעג.

אין זיין בעגריסונג דערמאָנט דער סאָסנאָווי-צער דעלעגאַט דעם אַדוו. ווייצמאַנ'ס ריכטיגען אויספֿיהר, אַז אַ דאַנק דעם כאַלופּניק געווינט אַ סך דער פּוילישער עקספּאָרט.

דער דעלעגאַט פֿון קעלץ, בעגריסענדיג דעם צוזאַמענפֿאָהר גיט-צו, אַז די געהעריגע לעזונג פֿון דער כאַלופּניקעס-פֿראַגע איז די זאַך פֿון דער פּוילישער רעגירונג און פֿון די האַנדווערקער-קאַמערען.

גאַנץ אַנדערש האָבען גערעדט די לאָדזער דעלעגאַטען.

ה' פֿריץ, פֿון די לאָדזער דאַמען-מאַגאַזין-שניידערס האָט ערקלערט: מיר קומען איצט צום צוזאַמענפֿאָהר אונטערן צייכען פֿון בעזעצען דורך כאַלופּניקעס די מאַגאַזינען פֿאַר נישט וועלען אויס צאָהלען די לוינען און פֿון פֿולשטענדיגער רעכטלאָזיגקייט. עס מוזען געזוכט ווערען מיטלען געגען די, וואָס נוצען אויס דעם כאַלופּניק עקאָנאָמיש און שטעלען איהם אויס צו בעטעל-ברויט.

דער פֿערטרעטער פֿון די טריקאָ-נייער-כאַלופּניקעס ה' קלאַפּערזאַק בעגריסט און זאָגט זיך אַרויס פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון אַנ'ענטשפּרעכענדער כאַלופּניקעס-צענטראַלע, וועלכע זאָל אָנפֿיהרען מיט אַלע אָנגעוועהטאָגטע פֿראַגען פֿון יודישען הויז-אַרביי-טער.

מצד דער לאָדזער האַנדווערקער-עקספּאָזיטור בעגריסט ה' הערשעל לעווקאָוויטש. בעגריסונגס-רעדעס האַלטען נאָך די פֿאָרשטעהער פֿון 2-טען שניי-דער-צעך (כאַלופּניקעס) אין טשענסטאָכאָוו און פֿון פּאַביאַניצער וועבער-כאַלופּניקעס-פֿעראיין.

דערויף ווערט געוועהלט אַ פּערמאַנענץ-קאָמיסיע פֿון 7 מיטגלידער, דערביי געהען אַריין צו 1 דעלעגאַט פֿון סאָסנאָוויץ קעלץ, וואַרשאַ און 4 פֿאָרשטעהער פֿון די לאָדזער כאַלופּניקעס.

וועגן דער סאָציאַלער און יורידישער לאַגע פֿון כאַלופּניק האַלט דאַן אַנ'אויספֿיהרליכען גרויסען רעפֿעראַט דער אַדוואָקאַט סאָלניק, וועלכער ווייזט אָן, אַז ס'איז פֿאַרהאַן אַ מאַנגעל פֿון געהעריגע פֿאָרשריפֿטען, וואָס רעגולירען די בעציהונג צו די כאַלופּניקעס אַלס אַרבייטס-נעמער ביי די מאַגאַזינערען און אַלס אַרבייטסגעבער צו די אַרבייטער.

מען דאַרף זיך נישט נאַרען — האָט אַדוואָקאַט סאָלניק בעמערקט — אַז די זאַכלאַגע איז אַ פּועל-יוצא דערפֿון, וואָס די כאַלופּניצטוואָ ליגט מעהרסטענטיילס אין יודישע הענד. דערביי איילט מען זיך נישט שטאַרק אין די מאַסגעביגע ספֿערען צו לאָזען דאָס העכסטע - וויכטיגסטע פּראָבלעם פֿון דעם דאָזיגען גרויסען שיכט פֿון יודישען בעל-מלאכה. בפֿרט אַז ס'איז לחלוטין נישטאָ קיין רעפּרעזענטאַנטיוו קערפּערשאַפֿט, וואָס זאָל פֿאָדערן אין נאָמען פֿון דער דאָזיגער מאַסע.

אַדוו. סאָלניק ווייזט אָן דערביי אויף די פֿערשידענע פּרובען פֿון דעפֿינירען דעם בעגריף „כאַלופּניק“ דורך געזעצען פֿון יאָהר 1920, 1923 און 1934. אויב די אַלע געזעצען בעפֿרייען דעם כאַלופּניק פֿון די פֿליכטען פֿון בעזיצען אַ פּאַטענט, צאָהלען שטייערן און פֿערשרייבען זייערע געזעלען אין קראַנקען - קאַסע, זעהט איין דיפֿינאַנץ-מאַכט אים כאַלופּניק אַנ'אונטערנעמער, וואָס לעבט פֿון דער אַרבייט פֿון געדונגענע הענט.

רעזיומירענדיג זיין רעפֿעראַט, וואָס איז אינפֿאָרמאַטיוו געווען אַ וויכטיגער ביישטייער צו די ידיעות פֿון דער כאַלופּניק-מאַסע בנוגע זייערע ידיעות פֿון דעם, אין וואָס פֿאַר אַ לאַגע זי געפֿינט געזעצליך, האָט אַדוו. סאָלניק אָנגעוויזען קאָנקרעט, אַז:

1) דער כאַלופּניק דאַרף נישט אויסקויפֿען קיין פּאַטענט;

דער כאַלופּניק מוז פֿערזיכערט ווערען אין קראַנקען-קאַסע דורכ'ן אונטערנעמער. דאָס זעלבע זיינע אַרבייטער.

3) קיין געזעץ וועגן קינדיגונג און אורלויבען פֿאַר כאַלופּניקעס איז נאָך נישטאָ.

אַדוו. ווייצמאַן האַלט דאַן אַ רעפֿעראַט וועגען כאַלופּניק-געזעץ (דער פּראָיעקט פֿון 1923) און זיין קריטיק. דער רעדנער ווייזט אָן, אַז ס'איז נישטאָ קיין קלאָרקייט אין געזעץ און ס'איז אויך נישט פֿאַרהאַן קיין קלאָרקייט אין דער בעציהונג מצד די כאַלופּניקעס גופֿא, ווי אַזוי זיי אַליין שטעלען זיך פֿאָר די דעפֿיניציע פֿון דעם, ווער עס קען אָנגערופֿען ווערען: כאַלופּניק.

אַדוו. ווייצמאַן בעריהרט ביי דער געלעגענהייט די פֿראַגע פֿון פּאַטענטען, שטייערן, קאָנצעסיעס און האַנדווערקער-קאַרטען. וואָס מען פֿאָדערט היינט צו-טאָג פֿון כאַלופּניקעס און ער קלערט אויף די בעציהונג פֿון אַרבייטס - מיניסטעריום צו די דאָזיגע אָנגעלעגענהייטען.

פֿאַרוואָס דער פּראָיעקט פֿון כאַלופּניקעס-געזעץ, וואָס דער אַרבייטס-מיניסטער האָט אין 1923 אַריינגעטראָגען אין סיים, איז ביז איצט נישט בעטראַכט געוואָרען, איז נישט שווער צו פֿערשטעהן. ס'איז פּשוט דערפֿאַר, וואָס פּאָליטיש האָט דער כאַלופּניק קיין שום ראָלע נישט געשפּילט און קיין אָנזעהעוודיגען עלעמענט, אַלס אַנ'אָרגאַניזירטער קאָלעקטיוו נישט געבילדעט.

ביי דער איצטיגער פּאָליטישער לאַגע — האָט אַדוו. ווייצמאַן אָנגעוויזען — קען מען די כאַלופּניקעס-פֿראַגע ערלעדיגען אויב מ'איז אומשטאַנד אויפֿצואווייזען, אַז די לעזונג פֿון דער פֿראַגע וועט זיין נוצליך פֿאַר דער מלוכה און פֿאַר'ן האַנדווערקערטום. און דאָס איז נישט שווער אויפֿצוווייזען.

אונזער טעטיקייט אין דעם פּרט דאַרף קודם כּל בעשטעהן אין פֿיהרען אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישען די יוד. כאַלופּניקעס, צו שאַפֿען צווישען זיך אַנ'איינהייטליכע שטעלונג בנוגע צו דעם, ווי אַזוי דאָס כאַלופּניקעס-געזעץ דאַרף להבא אויסזעהן. דערווייל איז די כאַלופּניקעס-מאַסע אַ רויהע — ס'דאַרף געשאַפֿען ווערען אַנ'איינהייטליכער פּראָנט פֿון יוד. כאַלופּניק.

בנוגע דער דעפֿיניציע פֿון בעגריף כאַלופּניק מוזען מיר אָנקומען צום אויסלענדישען מוסטער. דאָס בעסטע מוסטער איז פֿאַר אונז דאָס טשעכאָסלאָוואַקישע כאַלופּניקעס-געזעץ.

בכן פּראָיעקטירען מיר, אַז דאָס כאַלופּניקעס-געזעץ אין פּוילען זאָל פֿאָדערן:

אַז די אונטערנעמער זאָלען דאַרפֿען און מוזען פֿיהרען אַ רעגיסטראַציע פֿון אַלע כאַלופּניקעס און זייערע געזעלען.

אַז ס'זאָל אין דער קאַלקולאַציע אַריינגערעכענט ווערען דער לוין פֿון כאַלופּניק, פֿאַר'ן געזעלען, פֿאַר אויפֿזיכט און פֿאַר אויסגאַבען.

דערנאָך הויבט זיך אָן אַ דיסקוסיע איבער די רעפֿעראַטען פֿון די אַדוואָקאַטען ווייצמאַן און סאָלניק

(ווייטער מאָרגען)

טעאַטער „פֿילהאַרמאָניע“

היינט מאָרטאָג ווערט אין טעאַטער „פֿילהאַרמאָניע“ געגעבען 2 פֿאָרשטעלונגען: 4 נאָכמיטאָג די פֿרייליכע אָפּערעטע „יודעלעס בר-מצוה“, 9 אָוונט די פּיעסע, וועלכע איז נעכטען געשפּילט געוואָרען מיט גרויס דערפֿאָלג „דער מאַסקיר-טער“.

צום סוף אַ קאָנצערט-אָפּטיילונג, מיט'ן אָנטייל פֿון גאַנצען אַרטיסטען-אַנסאַמבל.

צו דער אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די אייגענטימער פֿון מעבעל-וואַרשטאַטען און סטאָלאַרעס

אין ווירטשאַפֿטליכען אַנטי-היטלער-קאָמיטעט פֿליסען לעצטענס אַריין פֿון פֿערשידענע שטעט פֿון קליין-פּוילען און קרעסטען אָנקלאַגעס אויף דער פֿירמע „נפֿתלי ליכט און מ. געלערנטער אין יאַראָסלאַוו“, וועלכע לעגט פֿאַר סטאָלערס און אייגענטימער פֿון מעבעל-וואַרשטאַטען דייטשע מעבעל-אַלבומען. דער קאָמיטעט שטעלט פֿעסט, אַז עס איז אַבסאָלוט נישט נויטיג אַריינצופֿיהרען פֿון דייטשלאַנד קיין אילוסטרירטע אַלבומען (זשורנאַלען), ווייל די ווינער אויסגאַבען זענען זעהר פּינקטליך און גענוי אויסגעפֿיהרט און זענען אין פּרייז נישט טייערער ווי די דייטשע. די אַדרעסען פֿון די ווינער אויסגאַבען וועט גערן ערטיילען דער קאָמיטעט די פֿאַראינטערעסירטע פֿירמעס און האַנדעלס-פֿאָרשטעהער. מיט אָנפֿראַגען דאַרף מען זיך ווענדען: צענטראַל-קאָמיטעט פֿאַר דער אַנטי-היטלעריסטישער ווירטשאַפֿטליכער אַקציע ביים צענטראַלען סוחרים — פֿעראיין, וואַרשע, יסענאַטאָרסקאַ 22. (יט"א)

דער צענטראַל-קאָמיטעט פֿאַר אַנטי-היטלעריסטישער ווירטשאַפֿטליכער אַקציע מאַכט אויפֿמערקזאַם, אַז עס ווערען איצט אין פּוילען פֿערקויפֿט פֿיל-פֿעדערס און אויטאָמאַטישע בליישטיפֿטען פֿון דער מאַרקע „מאָן-בלאַן“; עס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז די דאָזיגע פֿעדערס שטאַמען פֿון דייטשלאַנד. (יט"א)

מאָנטאָג	יוני
10	זון-אויפֿגאַנג 3.15
ט	זון-אונטערגאַנג 7.56
סיון תרצה	

פֿאַבאַר פֿון יאָהרגאַנג 1914

(א) דינסטאַג, דעם 11 ד.ח. דאַרפֿען זיך שטעלען:

פֿאַר דער קאָמיסיע נומער 1, (פּיעטראַקאָווסקאַ 18) מיליטער-פֿליכטיגע פֿון יאָהר-גאַנג 1914 וואָס וואוינען אויפֿן שטח פֿון 9 פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט מיט די פֿאַמיליען-נעמען אויף

E F G H I J K L Ł M

פֿאַר דער פֿאַבאַר-קאָמיסיע נומער 2, די פֿאַבאַר פֿליכטיגע פֿון יאָהרגאַנג 1914, וואָס וואוינען אויפֿן שטח פֿון 14 פּאָליציי קאָמיסאַריאַט מיט די פֿאַמיליען נעמען אויף

I J K

פֿאַר נישט צושטעלען די זאַכען צו ליציטאַציע 8 חדשים אַרעסט

(א) יוסף אַבראַמסאָן (בערעק יאָסעלעוויטש גאַס 18) האָט זיך פֿערפֿליכטעט צוצושטעלען צו ליציטאַציע זיינע זאַכען אויף דעם 23 פֿעברואַר. די זאַכען האָט ער פֿערבעהאַלטען, אַזוי ווי אַזאַ זאַך טרעפֿט זיך ביי איהם שוין נישט דאָס ערשטע מאָל. האָט דאָס שטאָטישע געריכט פֿערמשפּט אַבראַמסאָנען אויף 8 חדשים אַרעסט.

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט-דיזשורען

(א) היינט ביינאַכט דיזשורירען: ס. יאַנקעלעוויטש (אַלט-שטאָט 9), ב. גלוכאָווסקי (נאַרוטאָוויטשאַ 6), ע. האַמבורג (גלובנאַ 50), ל. פּאַוולאָווסקי (פּיעטריקאָווער 307), א. פּיעטראָווסקי (פּאָמאָרסקאַ 91), ל. שטעקל (לימאַנאָווסקיעגאָ 37).

יום-טוב ביי די יודישע זעלנער אין לאָדז

ווי יעדעס יאָהר האָט די היגע קהלה-פֿערוואַלטונג אויך היי יאָהר אָרגאַניזירט יום טוב מאָהלצייטען פֿאַר די יודישע זעלנער פֿון לאָדזער גאַרניזאָן.

שבת האָט דער מיליטער ראַבינער הרב גאָלדשטיין אָפּגעריכט אין אַלטשטאָטישער שוהל אַנ'הזכּרה נאָכן פֿערשטאָרבענעם מאַרשאַל פּילסודסקי.

אויך ביי די מאָהלצייטען איז אַנוועזענד געווען הרב גאָלדשטיין, וועלכער האָט גערעדט פֿאַר די זעלנער וועגען דער בעדייטונג פֿון חג השבועות און מתן תורה.

Dr. med. P. Braun

צוריקגעקעהרט

ספּעציאַליסט פֿאַר הויט און ווענערישע קראַנקה.

נעהמט אָן פֿון 8–1 און פֿון 4–8 אָוו.

Cegielniana 4, tel. 100-57.

קלאַנג-קינאָ-טעאַטער

Zachęta

זגערז שער 26

היינט און פֿאָלגענדע טעג אויסערגעוועהנליכער פּראָגראַם!

— I —

איהר האַלט „קושט“

אין די הויפּטראָלען:

JANET GAYNOR

און **HENRY GARAT**

— II —

דעטעקטיוו-סאַלאָן-דראַמע א. נ.

קלוב פֿון דזשענטעלמענער

מיט **CLIVE BROOK**

אין דער הויפּט-ראָל.

אָנהויב 4 נ.מ. שבת און זונטאָג 12 ביימאָג

ווי אַזוי געזונד צו מאַכען דאָס יודישע ווירטשאַפטליכע לעבען

רעפעראַטען פון ד"ר לעאָן בראַמסאָן, ד"ר י. שיפּער און ד"ר אייגער

אין לאָקאַל פון סוחרים פעראיין, פּעטריקאַווער 73 איז פאָרגעקומען א רעפעראַט אָוועגד פון דעם פאָרזיצער פון דער וועלט עקזעקוטיוו פון אָרט־פערבאַנד דר. לעאָן בראַמסאָן, און פון בעקאַנטען היסטאָריקער און וויסענשאַפטלער דר. י. שיפּער, אויף דער טעמע „ווי אַזוי געזונד צו מאַכען דאָס יודישע ווירטשאַפטליכע לעבען".

ביי א פול־געפּאַקטען זאַל עפענט דעם אָווענד דער פאָרזיצער פון לאָדזער „אָרט" ד"ר ווישעוויאַנסקי, אין פּרעזידיום געפינען זיך די ה"ה גאַאום איינגאָן, דיר. לעסיק און ד"ר אייגער.

ד"ר ווישעוויאַנסקי שטעלט פאָר די פּרעלעגענטען פאַר די געסט, און דאַן בעקומט דאָס וואָרט דר. בראַמסאָן.

שוין דאָס טאַמע אליין „ווי אַזוי געזונד צו מאַכען דאָס יודישע ווירטשאַפטליכע לעבען" בעוויזט דערויף, אז דאָס דאַזיגע לעבען איז קראַנק. מ'מוז בעצייטענס טראַכטען וועגען הילף פאַר דעם קראַנקען, ווייל ס'קען זיין צו שפּעט. שוין אין מיטעלאַלטער זענען די יודישע מאַסען איינגעשפּאַרט געוואָרען נישט נאָר אין א נעאָגראַפישער געטאָ נאָר אויך אין א געטאָ פון בעשעפטיגונגען, מיט וועלכע די יודען האָבען זיך געמוזט פערנעהמען ווי: געלד, טוישעריי, מעקלעריי, קרעדיט א.א.וו.

די מאָדערנע צייט, נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט מיט גאָרנישט געענדערט דאָס יודישע ווירטשאַפטליכע לעבען. נאָר ארויפגעגעבען דערויף אַביסעל פּאָליטור, דער תוך איז דערזעלבער. דער רוב פון די יודען פערנעהמט זיך מיט האַנדעל און פערמיטלעריי און מיר האָבען נאָר בעקומען א קליינע שיכט פון אקאַדעמיקער, די צאָהל יודען וואָס בעשעפטיגט זיך מיט ערד ארבייט און האַנדווערקעריי און וואָס געפינט זיך אין דער אינדוסטריע, איז נאָך אַלץ קליין, די לאַגע איז נאָך צעהן־פאַך ערגער געוואָרען ווייל אין אַלע מלוכות געהט די ווירטשאַפטליכע פּאָליטיק לויט נאַציאָנאַל שאָוויניסטישע מעטאָדען, וועלכע ווערען אָנגערופען דאָס דערנעהנטערען דעם פּראָדוצענט צום קאָנסומענט. און אַזוי־אַרום ווערט אָפּגעשאַפען די פערמיטלעריי, ס'ווערען געשאַפען קאַרטעלען, סינדיקאַטען און כלומרשטע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע נעהמען אוועק ביי די יודישע מאַסען די לעצטע עקזיסטענץ מעגליכקייטען, ס'הויבט זיך אָן די געוואַלדיגע פויפּעריזירונג פון די יודישע מאַסען ס'איז נישט פאַראַן די מאָס, מיט וועלכע מ'קען מעסטען דעם יודישען חורבן און די רואין.

און אומעטום דאָסזעלבע, זאָגט דר. בראַמסאָן, פערפּויליזשען, לאַטוויזירען, ליטוויזירען דעם האַנדעל הייסט ארויסנעהמען די יודישע פּרנסות. די יודען זענען פערלוירען. בלומרשט הייסט עס, אז די רעגירונגען מישען זיך אריין און רעגולירען די אינדוסטרי און דער האַנדעל, ס'טרעפט אָבער דעם יודישען לעבען. די ירידה פון יודישען עקאָנאָמישען לעבען אין פּוילען, איז גרויס, 250 טויזענד יודישע משפחות זענען אָהן בעשעפטיגונג (אין דער צאָהל נעהען נישט אריין די יודישע ארבייטסלאָזע) מיט יעדען יאָהר ווערט קלענער די צאָהל יודען, וועלכע קויפען אויס פּאַטענטען. צו שטיצע פון די קהלות קומט אָן 50—60 פּראָצענט פון דער גאַנצער יודישער בעפעלקערונג.

ס'איז נישט אמת, זאָגט דער פּרעלעגענט, אז יודען זענען לופט־מענשען, ווייל ווען מען קוקט אדורך די סטאַטיסטיק פון דער וואוינונגס נויט צווישען דער יודישער בעפעלקערונג קען מען דרייסט זאָגען אז דאָרט איז בכלל קיין לופט נישט פאַראַן, בלויז 15 פּראָצענט פון דער יודישער בעפעלקערונג קען זיך פערגינען צו עסען פּוטער און פלייש.

פון דער דאָזיגער לאַגע מוז מען געפינען אַן'אויסוועג, פילאַנטראָפּיע וועלכע קען נישט נעגירט ווערען איז אָבער נישט קיין שום אויסוועג צו דער לאַגע.. ס'איז פאַראַן א צווייטער וועג וואָס איז שוין מעהר א ראַדיקאַלער און וועלכער וועקט די פאַנטאַזיע — דאָס איז עמיגראַציע, און די לעצטע יאָהרען האָט זיך אין דער הינזיכט געעפענט א זעהר וויכטיגער קאַנאַל, וואָס בעפרידיגט אויף הארציג די יודישע מאַסען, דאָס איז ארץ ישראל. אויך דאָס וואָלט געקענט פערענטפערן די גאַנצע יודען־פראַגע. דאָס איז אָבער נישט דער פאַל, צוליב פערשידענע סיבות.

ס'האָט אויך אויפגעלעבט די טעריטאָריאַליסטישע בעוועגונג וואָס איז אויך אַן'אויסוועג, אָבער וואו נעהמט מען דאָס דאָזיגע לאַנד? דערווייל ברענט אָבער אינערליך דאָס הויז און מ'דאַרף ראַטעווען, דערווייל קענען אָבער נישט אונטערגעהן די מיליאָנענדיגע מאַסען, דאָ מוז מען צוגרייטען די מאַסען און איבערבויען, דערמיט פערנעהמט זיך נישט נאָר אין „אָרט" נאָר יק"א און דזשאָינט". „אָרט" איז אָבער די וועלט אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט 10 קאָמיטעטען, „אָרט" עקזיסטירט 55 יאָהר און האָט אויפגעטון גרויסע זאַכען, אומעטום: אין פראַנקרייך, ענגלאַנד אמעריקע, זענען פאַראַן קאָמיטעטען פאַר „אָרט" וועלכע בעשטעהען פון די אָנגעזעהענסטע נישט יודישע פּערזענליכקייטען.

וואָס האָט „אָרט" בּיזאַהער אויפגעטון אין פּוילען

פאַכבילדונג

פאַר די 15 יאָהר צייט, וואָס די געז. „אָרט" איז טעטיג אין פּוילען האָט זי אויפגעבויט א נעץ פון אַנשטאַלטען פאַר פאַך־בילדונג. „אָרט" האָט געשאַפען די איינציגע יודישע מיטעל־טעכנישע שול (דעם ווילנער „טעכניקום"), א ריי האַנטווערקער־שולען און לערן ־ וואַרשטאַטען, (מיט אָפּטיילונגען פאַר מעכאַנישער שלאָסעריי, סטאָלעריי, שניידעריי, וועש־נייעריי, העפטעריי), אַלערהאַנד פאַך־קורסען פאַר דער וואַקסענע, ווי אויך פאַך־דערציהונגס שולען, פאַר יוגענטליכע און טערמינאַטאָרען, און פאַך־דערגענצונגס קורסען פאַר האַנדווערקער — פאַר מייסטערס געזעלען, געהילפען און ארבייטער.

„אָרט' האָט די אַלע אַנשטאַלטען אָרגאַניזירט פונסניי אָדער ער האָט זיי אויפגעריכט נאָך דעם חורבן, וועלכען עס האָבען געבראַכט מיט זיך די יאָהרען פון וועלט־קריג. „אָרט" האָט בעזאָרגט די שולען און קורסען מיט די נויטיגע מאַשינען און געצייג און מיט געהעריגע לערן מכשירים פאַר אייניגע שולען זענען אויסגעבויט געוואָרען בנינים.

כדי ווי געהעריג אוועקצושטעלען די לימודים אין די שולען און אויף די קורסען האָט „אָרט" אויסגעבילדעט א פּערסאָנאַל פון פערוואַלטערס, לעהרער און אינסטרוקטאָרען. צו דעם צוועק האָט „אָרט" אָרגאַניזירט פעריען קורסען אָדער ארויסגעשיקט פאַכלייט קיין אויסלאַנד אויף צו דערגענצען זייער אויסבילדונג.)

די גענויע סטאַטיסטיק פון דעם בעזוך אין די שולען און אויף די קורסען פון „אָרט" בעווייזט אז העכער 25 טויזענט פּערזאָן האָבען זיך אויסגעלערענט א פאַך אין די „אָרט"־אַנשטאַלטען.

אינדוסטריאַליזירונג

אין דער טעטיגקייט פון „אָרט" אויף דעם געביט פון אינדוסטריאַליזירונג פערנעמט דעם אויבענאָן לאָדז. דאָרטען איז ביי „אָרט" טעטיג א פאַבריק שול, וואו דעקלאַסירטע יוגענדליכע און דערוואַקסענע ווערען צוגעגרייט צו דער ארבייט אין פאַבריקען און קוואַליפיצירט אין אַלערהאַנט פאַכען פון דער טעקסטיל־בראַנזשע. קלענערע פאַבריקען פון דעם זעלביגען טיפּ זענען אָרגאַניזירט געוואָרען אין אייניגע אַנדערע שטעט.

„אָרט" האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו פון א געזעלשאַפטליכער אקציע, וואָס איהר ציל איז געווען צו עפענען פאַר יודישע ארבייטער דעם צוטריט צו די פאַבריקען, וועלכע האָבען ביז אהער קיין יודען נישט בעשעפטיגט. א דאַנק די דאָזיגע בעמיהונגען האָבען הונדערטער יודען בעקומען בעשעפטיגונג, בעזונדערס אין די נייע־געגרינדעטע אונטערנעמונגען פון דער גומי־אינדוסטריע, מעטאַל־אינדוסטריע א. אנד.

טעכנישע פערפּולקומנג פון יודישען האַנדווערק

אָרט האָט זיך נישט בענונגנט מיט דער ברייטפערצווייגטער טעטיגקייט אויפ'ן געביט פון פאַכבילדונג. כדי דער יודישער בעל־מלאכה זאָל נישט זיין טעכניש אָפּגעשטאַנען, האָט „אָרט" בעזאָרגט די האַנדווערקער ־ וואַרשטאַטען מיט מאַשינען און געצייג. די דאָזיגע אקציע איז אין א בעזונדערס ברייטען מאַסשטאַב געפיהרט געוואָרען אין די ערשטע יאָהרען פון דער „אָרט"־טעטיגקייט, און זעהר א סך יודישע וואַרשטאַטען זענען א דאַנק דעם געוואָרען אויפגעריכט נאָך די שווערע יאָהרען פון וועלט־קריג.

„אָרט" האָט אויך ארויסגעגעבען לערן־ביכער אין דער יודישער שפּראַך פאַר דעם געברויך פון בעלי־מלאכה, דערין א האַנדבוך פאַר מעבעל־סטאָלאַרעס און א האַנדבוך פאַר שלאָסערם.

לאַנדווירטשאַפט

א בעזונדער צווייג אין דער ארבייט פון „אָרט" שטעלט מיט זיך פאָר די לאַנדווירטשאַפט. אין דעם ערשטען פּעריאָד פון זיין טעטיגקייט האָט „אָרט" אין הונדערטער פונקטען ערטיילט הילף די יודישע פּויערים און גערטנער, וועלכע האָבען אין די יאָהרען פון קריג און מהומות פערלאָרען דעם לעבעדיגען און טויטען אינווענטאַר. נאָך דעם ערשטען פּעריאָד פון גיבער הילף האָט „אָרט" אינם צווייטען פּעריאָד פון זיין טעטיגקייט זיך געשטעלט פאַר אַן־אויפגאַבע צו אָרגאַניזירען די יודישע לאַנדווירטען אויף יסודות פון זעלבסטהילף. „אָרט" האָט געשאַפען א נעץ פון יודישע לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע פיהרען בשותפות מילך־וואַרטשאַטען, פערנעמען זיך געמיינזאַם מיט בינען־צוכט, פערקויפען און קאָנסערווירען גרינס א. ד. גל. די קאָאָפּעראַטיוון (די מייסטע פון זיי געפינען זיך אין וואָלין און פּאָלעסיע) בעזאָרגען די מיטגלידער מיט ביליגען קרעדיט פון די פאָנדען, וועלכע „אָרט" האָט געשטעלט אין זייער רשות. דורך דער פערמיטלונג פון די קאָאָפּעראַטיוון פיהרט „אָרט" א ברייטע אגראָנאָמיש ־ אינסטרוקטאָרישע ארבייט. העכער טויזענד פאַמיליעס יודישע קאָלאָניסטען, פּויערים און גערטנער ווערען בעדינט דורך דער קאָאָפּעראַטיווער נעץ פון „אָרט".

פּראָדוציר ־ קאָאָפּעראַציע

א דאַנק די בעמיהונגען פון „אָרט" איז ענטשטאַנען דער ערשטער אין לאַנד יודישער קאָאָפּעראַטיוו פאַר מעכאַנישער וועבעריי, — דער קאָאָפּעראַטיוו „פּראָגרעס" אין לאָדז. „אָרט" האָט אָרגאַניזירט אין דעם קאָאָפּעראַטיוו עטליכע צענדליג יודישע האַנדוועבער און האָט זיי בעזאָרגט מיט מעכאַנישע וועבשטוהלען. דער קאָאָפּעראַטיוו „פּראָגרעס" איז געוואָרען דער מיטעלפּונקט פאַר דער אקציע פון אריבערפיהרען די האַנדוועבער צו מעכאַנישער ארבייט. נאָך געהעריגע אויספאָרשונגען זענען געוואָרען אויסגעפּערטיגט פּראָיעקטען פאַר דער גרינדונג פון ענליכע קאָאָפּעראַטיוון אין אַנדערע בראַנזשעס.

קאָנסטרוקטיווע קרובים ־ הילף

א דאַנק די פערבינדונגען פון דעם פערבאַנד „אָרט", צו וועלכען עס געהערט אויך דער פּוילישער „אָרט" איז אויך פערווירקליכט געוואָרען דער גערצאַנק פון קאָנסטרוקטיווער קרובים־הילף. אמעריקאַנער לאַנדסלייט, וועלכע האָבען קרובים אין פּוילען, האָבען זיי בעזאָרגט דורך דער פערמיטלונג פון „אָרט" מיט מאַשינען און געצייג צו דער ארבייט. קרובים פון פּוילען האָבען דורך „אָרט" געשיקט מאַשינען און געצייג פאַר קרובים אין ראַטענפערבאַנד. אַט די פאָרם פון הילף האָט זיך ארויסגעוויזען נישט צו פערגלייכען צוועקמעסיגער און פּראָדוקטיווער, ווי איינפאַכע געלד־שטיצע.

די מאָהענטסטע אויפגאַבען פון „אָרט" אין פּוילען

נייע פּרנסות

די שרעקליכע עקאָנאָמישע לאַגע פון די יודישע מאַסען שטעלט די יודישע געזעלשאַפט פאַר א דרינגענדער אויפגאַבע: טויזענדער דעקלאַסירטע יודען מוזען בעקומען א פּראָדוקטיווע בעשעפטיגונג, מען מוז פאַר זיי שאַפען ארבייטס־וואַרשטאַטען און ארבייטס־פּלעצער, וואו זיי זאָלען ארבייטען פאַר'ן איינוועניגסטען מאַרק אָדער אויף עקספּאָרט.

מאָדערניזירונג פון יודישען האַנדווערק

צו די דרינגענדסטע אויפגאַבען פון איצטיגען מאָמענט געהערט אויך די מאָדערניזירונג פון יודישען האַנדווערק.

די אמאָל הערשענדיגע מיינונג, אז דאָס האַנדווערק איז עקאָנאָמיש פעראורטיילט צו אונטערגאַנג האָט זיך ארויסגעוויזען פאַר נישט ריכטיג. דער פערלויף פון ווירטשאַפטליכען קריזיס אין גאָר דער וועלט האָט אויפגעוויזען, אז די האַנדווערקערישע וואַרשטאַטען בעזיצען א גרויסע לעבענס־פעהיגקייט און קאָנען לייכטער איבערקומען די שווערע צייטען פון א שלעכטער קאָניונקטור. דאָס איז אָבער ריכטיג אויסשליסליך בנוגע צו וואַרשטאַטען, וועלכע שטעהען אויף דער געהעריגער הויך און טעכנישער בעציהונג און ווערען געפיהרט אין גייסט פון דער איצטיגער צייט. דער יודישער בעל־מלאכה מוז ווערען בעקאַנט מיט די נייע מעטאָדען פון ארבייט אין א וואַרשטאַט, און עס וועט זיין די אויפגאַבע פון „אָרט" צו פערשפּרייטען צווישען די יודישע האַנדווערקער די נויטיגע נייע פאַך־קענטנישען.

כדי אויסצואַרבייטען קאָנקרעטע פּלענער, וואָס איז נויטיג צו אונטערנעהמען אויף דעם געביט פון מלאכה, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „אָרט" געשאַפען לעצטענס א ספּעציעלע קאָמיסיע און האָט פערבעטען צו דער מיטאַרבייט אָנגעזעהענע פאַכלייט. מיט דער ארבייט פון דער קאָמיסיע פיהרט אָן דער בעקאַנטער עקאָנאָמיסט ה' יעקב לעשצינסקי.

לעגאַליזירונג פון האַנדווערק

די נאָוועלע צום אינדוסטריע־געזעץ (צעכען־געזעץ), וועלכע איז אריין אין קראַפט אין יאָהר 1934, האָט ווידער ארויסגערוקט אַלס אקטועלע פּראָבלעם די לעגאַליזירונג פון די יודישע האַנדווערקערישע וואַרשטאַטען. אויף צו פיהרען די נעהעריגע אקציע און צו בעזאָרגען די יודישע בעל־מלאכות מיט יורידישע עצות איז — מיט דעם אקטיווען אַנטייל פון „אָרט" — געשאַפען געוואָרען דער „פּעראייניגטער קאָמיטעט פאַר די ענינים פון יודישער מלאכה". די לעגאַליזירונגס־פּראַגען בלייבען ווייטער אקטועל און פערלאַנגען א גרויסע אויפמערקזאַמקייט מצד די אָפּטיילונגען פון דער געזעלשאַפט „אָרט".

לאַנדווירטשאַפטליכע טעטיגקייט

אויף דעם געביט פון לאַנדווירטשאַפט שטעהט אויף דער טאָג־אָרדנונג די גרינדונג פון נייע קאָאָפּעראַטיוון פאַר יודישע פּויערים און גערטנער ווי אויך די בעשאַפונג פון גרעסערע קרעדיטען פאַר די שוין עקזיסטירענדע קאָאָפּעראַטיוון. נישט מינדער וויכטיג איז די אויפגאַבע צו פערגרעסערן דעם ערד־בעזיץ פון יענע יודישע פּויערים, וועלכע נויטיגען זיך אין ערד. און צו פערשאַפען ערד דעם יונגען דור, וועלכער איז אויסגעוואַקסען אין די יודישע קאָלאָניעס.

א בעזונדערע אויפגאַבע פאַר זיך איז עפענען דעם צוטריט צו ערד־ארבייט פאַר הונדערטער און טויזענדער פאַמיליעס פון די יעניגע, וועלכע זענען ארויסגעשטויסען געוואָרען פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און ווילען זיך בעזעצען אויף ערד. עס מוזען ארויסגעפונען ווערען די צוועקמעסיגסטע אופנים, ווי אַזוי צו געבען יודען בעשעפטיגונג אין דער לאַנדווירטשאַפט, אַלס הויפּט־פּרנסה אָדער אַלס נעבען־פּרנסה. ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון „אָרט" ווערען אויסגעאַרבייט פּלענער וועגען דעם, און עס וועט זיין די אויפגאַבע פון די „אָרט"־אָפּטיילונגען צו געפינען די וועגען און מיטלען, ווי אַזוי די פּלענער דורכצופיהרען אין לעבען.

איבערשיכטונג און פּראָדוקטיוויזירונג

די געזעלשאַפט „אָרט" האָט די ערשטע אויף דער יודישער גאַס אין פּוילען ארויסגעשטעלט דעם לאָזונג פון איבערשיכטונג און פּראָדוקטיוויזירונג אַלס צענטראַלע פּראָבלעם פון דער יודישער ווירקליכקייט. אונטער דעם דאָזיגען אויסגעפּרובטען לאָזונג פיהרט איצט „אָרט" די ברייטע פּראָפּאַגאַנדע־אקציע, וועלכע דאַרף געבען דער איבערשיכטונגס־ארבייט נייע פריינד און נייע גרויסע מאַטעריעלע מעגליכקייטען.

דער פערבאַנד פון די „אָרט"־געזעלשאַפטען

„אָרט" אין פּוילען איז אָנגעשלאָסען אין דעם וועלט־פערבאַנד פון די „אָרט"־געזעלשאַפטען.

דער „אָרט"־פערבאַנד איז פערשפּרייט אין 13 לענדער און פעראייניגט ביז 120 אָרגאַניזאַציעס. בראש פון דעם פערבאַנד שטעהט די צענטראַל־פערוואַלטונג, אין וועלכער עס נעהען אויך אריין פערטרעטער פון אַלע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס און גרעסערע לאָקאַלע קאָמיטעטען פון „אָרט". פאָרזיצער פון דער דאָזיגער קערפּערשאַפט איז ה' הענרי באָדענהיימער (פּאַריז), וויצע־פאָרזיצערס — ה"ה פּראָפ. וויליאַם אוּאַליד און ד"ר צדק־קאַהן (פּאַריז).

די פּראַקטישע ארבייט פון פערבאַנד ווערט אָנגעפיהרט פון דעם צענטראַל ־ עקזעקוטיוו, וואָס געפינט זיך אין פּאַריז און בעשטעהט פון 11 פּערזאָן (פּאָרזיצער: ל. בראַמסאָן, וויצע־פּאָרזיצערס: ד"ר ד. לוואָוויטש און ד"ר א. סינגאַלאָווסקי. מיטגלידער: (פּראָפ. וו. אואַליד, א. אַלפּערין, ה' באָדענהיימער, י. בלום, פּראָפ. ס. לעווי, עדמאָנד פלעג, ד"ר צדק־קאַהן, ל. ראָזענטאַל).

מיר ברענגען דאָ עטליכעקורצע אינפאָרמאַציעס וועגען דער טעטיגקייט פון „אָרט"־פערבאַנד אין יאָהר 1934.

דאָס יאָהר 1934 איז אינם לעבען פון „אָרט"־פערבאַנד געווען א יאָהר פון אינטענסיווער בעפעסטיקונג פון די אינסטיטוציעס. אין מאַנכע לענדער איז אויך פאָרגעקומען א פערברייטערונג פון דער קאָנסטרוקטיווער ארבייט. דער שטאַנד פון דער דאָזיגער ארבייט דריקט זיך אויס סוף יאָהר 1934 אין פאָלגענדיגע צאָהלען:

א) פאַכבילדונג פאַר יוגענדליכע און דערוואַקסענע: 100 אינסטיטוציעס (35 שולען, 72 קורסען פאַר דערוואַקסענע און לערנפאַבריקען, 1 טעכניקום, 1 לאַנדווירטשאַפטליכע שול מיט א פערמע, 1 בערופס־בעראַטונגס־שטעל). אין די דאָזיגע אינסטיטוציעס האָבען זיך געלערנט ארום 5.800 פּערזאָן.

) לאַנדווירטשאַפט: 119 קאָלאָניעס און לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַטיוון (אַנ'ערך 25.000 נפשות).

ג) קאָאָפּעראַטיווע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען: 87 פאַבריקען און גרעסערע וואַרשטאַטען (49 אין שטאָט, 38 אין קאָלאָניעס).

אין ראַטען ־ פערבאַנד זענען אין 1934 געעפענט געוואָרען דורך „אָרט" 40 וואַרשטאַטען אין קרים און אָדעסער ראַיאָן. אין ליטע איז צוגעקומען א לאַנדווירטשאַפטליכע שול און פערמע און אַנ'עלעקטראָטעכנישע אָפּטיילונג. אין פראַנקרייך — 3 פּראַקטישע קורסען פאַר דייטשעהיימלאָזע.

אָנהויב 1934 האָט דער „אָרט"־פערבאַנד גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו אריבערצוברענגען יודישע יוגנעליט פון דייטשלאַנד קיין מזרח־אייראָפּע און אויסצובילדען זיי אין ספּעציעלע אָפּטיילונגען ביי די „אָרט"־אינסטיטוציעס. אין ליטע און לעטלאַנד זענען צו דעם צוועק געשאַפען געוואָרען ספּעציעלע אָפּטיילונגען פאַר לאַנד־ווירטשאַפטליכע, שלאָסער ־ מעכאַנישע און עלעקטראָטעכנישע אויסבילדונג. אין פראַנקרייך (אין דער געגענד פון ווילנעוו) האָט „אָרט" דורכגעפיהרט דעם ערשטען פערזוך צו בעזעצען דייטשע היימלאָזע אויף ערד. אין דייטשלאַנד איז „אָרט" צוזאַמען מיט דעם דאָרטיגען צענטראַל ־ פעראיין פון יודישע האַנדווערקער צונעטערעטערען צו עפענען צוגרייטונגס־קורסען פאַר מייסטערם.

14 נייע „אָרט"־אָרגאַניזאַציעס זענען צוגעקומען אין פערלויף פון יאָהר.

כדי „אָרט' זאָל קענען ערפילען איהרע אויפגאַבען, מוז זי האָבען צוויי זאַכען: מענשען און געלד און אפשר זענען נאָך נויטיג מענשען, וועלכע זאָלען פערשטעהן און זיך ווידמען די גרויסע אויפגאַבען פון „אָרט".

דאַן נעמט א וואָרט ד"ר שיפּער, וועלכער וואַרפט א היסטאָרישען איבערבליק איבער דער ענטוויקלונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע ביי יודען, דאַן געהט ער איבער צו דעם פּסיכישען צושטאַנד פון די יודישע מאַסען צוליב זייער קלאָגעדיגען עקאָנאָמישען צושטאַנד צווישען דער יודישער יוגענד, צווישען די יודישע מאַסען הערשט טרויער און פערצווייפלונג, נישט קיין פרעהליכקייט, נישטאָ קיין שמייכעל, די דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ איז פעראָרימט און פערצווייפעלט אָהן אויסגאַנג. „אָרט" איז די אינסטיטוציע, וועלכע מוז ראַטעווען פון פולשטענדיגען אונטערגאַנג, מוז געבען פּרנסות געזונדע, פעסטע און ס'ווערט צוריקגעגעבען די מעגליכקייט פון דער יודישער יוגענד, ווי זי איז אין ארץ ישראל.

ד"ר אייגער גיט דאַן אָפּ א בעריכט וועגען די גרויסע אויפטוען פון „אָרט" אין לאָדז, וועלכער האָט זיך די הויפּטזאַך פערנומען מיט אינדוסטריאַליזירונג. דאָס שטריקער־פאַך האָבען זיך אויסגעלערנט 1900 יודען, מעכאַנישע וועבער — 1000 יודען, זאָקען־פאַך 912 פּערזאָן, קאַטאָן — 30 פּערזאָן, רונד־טריקאָטאַזש — 60, אין אַלגעמיין האָבען זיך אויסגעלערנט פערשידענע פאַכען 3.00 פּערזאָן. צווישען זיי פרויען־פאַכען ווי שניידערינס, נייטאָרינס, גאָר סעטען, מאַניקור און אָנדולאַציעס. דער לאָדזער „אָרט" האָט דערויף אויסגעגעבען 800 טויזענד זל.

„אָרט" קען נישט בעפרידיגען דעם דראַנג פון די טויזענדער דעקלאַסירטע יודען אויסצולערנען א פאַך „אָרט" אַפּעלירט דעריבער נאָך הילף צו דער גאַנצער יודישער געזעלשאַפט.

צום סוף פון דער פערזאַמלונג האָט א גרויסע צאָהל פון די פערזאַמעלטע אויסגעדריקט זייער גרייטקייט מיטצוהעלפען דעם „אָרט" אין אויספיהרען זיין אויפגאַבע.

אויספלוגען קיין פּאַלעסטינע
פון 630.— זל. אָן
אָרגאַניזירט
„אָרביס" פּיעטריקאָווער 18, טעל. 249-33
אויך הנחה־פּעסער קיין טשעכאָ־סלאָוואַקיי און יוגאָסלאַוויען.

Dr. med. H. LUBICZ
פאַר הוים. ווענערישע און געשלעכטס־קראַנקה.
ציעגעלניאַנאַ 7 (פריהער 43), טעל. 114-32
עמפּפאַנגס־שטונדען: 8—10, 12—2 און 5—8 אָווענד
זונטאָג פון 9—11 בייטאָג; און יום־טוב פון 9—1.
פאַר דאַמען — א בעזונדערער וואַרטע־זאַל.

די סאָוויעטישע אינדוסטריע און פוטער-האַנדעל

אַ געשפּרעך מיט פּרעזעס אייטינגאָן

אויסנוצענדיג די געלעגענהייט, וואָס אין לאָדז איז געווען דער פּרעזעס פון דעם וועלט-קאָנצערן אייטינגאָן שילד קאָמפּ. אין ניו-יאָרק, ה' מאָטי אייטינגאָן, האָבען מיר זיך געווענדעט צו איהם מיט דער ביטע ער זאָל אונז אינפאָרמירען וועגען דער איצטיגער לאַגע אויפ'ן פוטער-מאַרק, בעזונדערס וועגען דעם סאָוויעטישען פוטער-האַנדעל.

ווי פּרעזעס אייטינגאָן האָט ערקלערט שטעהט דער קאָנצערן שוין 14 יאָהר אין האַנדעלס-בעציהונגען מיט סאָוויעט-רוסלאַנד. אויף אַלע געביטען פון ווירטשאַפטליכען לעבען בעמערקט זיך אין ראַטען-פערבאַנד פון יאָהר צו יאָהר ענדערונגען אין פּאָזיטיווען זין. מען דאַרף פעסטשטעלען, אַז אין דער בראַנזשע קען מען זיך פון די סאָוויעטען זעהר א סך לערנען. דער קאָנצערן אייטינגאָן-שילד קאָמפּ. געפינט זיך שוין אין האַנדעלס-בעציהונגען מיט די סאָוויעטען אַ רייהע מיט יאָהרען און זייער גרויס אילוסטרירט אַמבעסטען דער פאַקט, אַז אין משך פון די לעצטע 10 יאָהר האָט דער קאָנצערן פערקאָנטראַקטירט אין ראַטען-פערבאַנד פוטער אויף אַ סומע פון 90 מיליאָן דאָלאַר און אַלע קאָנטראַקטען זענען אויסגעפירט געוואָרען. איצט איז ענדגילטיג פינאַליזירט געוואָרען מיט די סאָוויעטען אַ אָפּמאַך אויף דעם יאָהר 1935 אויף אַ טראַנזאַקציע פון 5½ מיליאָן דאָלאַר. אין מאָסקווע איז אויסגעבויט געוואָרען אַ פאַבריק צו בעאַרבייטען די פוטערס, אין וועלכער עס זענען בעשעפטיגט 5 טויזענד אַרבייטער, צעהנדליגער קוואַליפיצירטע כעמיקער און טעכניקער, וואָס אַרבייטען מיט די נייעסטע מאַשינען אויפ'ן דאָזיגען געביט, שוין נישט רעדענדיג וועגען אַ רייהע עקספּערימענטאַלע פירמעס.

דער גרעסטער טייל פון דער סאָוויעטישער פוטער-פּראָדוקציע איז בעשטימט אויפ'ן עקספּאָרט, לעצטענס איז אָבער אַ גרויסער טייל בעשטימט געוואָרען פאַר דעם אינערליכען מאַרק.

וועגען די פּויליש-אַמעריקאַנישע האַנדעלס-בעציהונגען האָט פּרעזעס אייטינגאָן ערקלערט פאָלגענדעס:

מען דאַרף פעסטשטעלען, אַז די פּראָאינטערעסירונג מיט פּוילען, אין שייכות מיט דער סטאַביליזאַציע פון די ווירטשאַפטליכע בעציהונגען און דער פעסטקייט פון דער פּוילישער וואַלוטע איז אין אַמעריקאַ זעהר גרויס. די אַמעריקאַנישע ווירטשאַפטליכע פּרעסע ווידמעט אַלס מעהר אויפמערקזאַמקייט פאַר פּוילען. עס וואָלט גלייך געווען, אַז די פּוילישע ווירטשאַפטליכע ספערען זאָלען זיך בעמיהען צו פערטיפען און פערברייטערן די ביזאיצטיגע בעציהונגען מיט אַמעריקאַ.

אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „בית-עם"

דאָנערשטאַג איז אין אייגענעם לאָקאַל פאָרגעקומען אַ אויסעראָרדענטליכע אַלגעמיינע מיטגלידער-פערזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט „בית-עם".

אין פּרעזידיום זענען געוועהלט געוואָרען די ה"ה: י. שפּאַרן, ס. נוימאַן און ד. מאַנדעלבוים.

דער פאָרזיצער ה' שפּאַרן האָלט אַ רעדע געווידמעט דעם אָנדענק פון מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי. די פערזאַמעלטע הערען אויס די טרויער-רעדע שטייענדיגערהייט און בעעהרען דעם אָנדענקען מיט איינינגע מינוטען שווייגען.

דער בעריכט, וועלכער נעמט ארום אַ צייט פון זעקס חדשים, בעווייזט, אַז די פערוואַלטונג האָט מיט ערפאָלג אדורכגעפיהרט די פּסח-אַקציע, און אין די ווינטער-חדשים אויסגעהאַלטען די „שוויצפּליצע" פאַר 70 קינדער פון די יודישע פאָלקס-שולען. גרויס אויפמערקזאַמקייט האָט ארויסגערופען די פראַגע פון איינאָרדנען אַ זומער-קאָלאָניע פאַר קינדער. אַלע אַנוועזענדע האָבען בעגריסט די אָנשטרענגונגען פון דער פערוואַלטונג אויף דעם געביט, און אויפגעפאָדערט די פערוואַלטונג דאָס אדורכצופיהרען.

דער בעריכטס-אָפּגעבער ה' ווינער אונטערשטרייכט דעם פאַקט, דאָס דער אינטערעס צו דער אינסטיטוציע מצד דער יודישער געזעלשאַפט, איז לעצטענס שטאַרק געוואַקסען. ס'זענען צוגעקומען איינינגע הונדערט נייע מיטגלידער, און די אונטערנעמונג פון דער אינסטיטוציע ווערען מיט אָנערקענונג אויפגענומען פון דער געזעלשאַפט.

נאָכדעם ווי ס'גיט אָפּ אַ בעריכט פון דער רעוו. קאָמיסיע ה' יאַנאָסעוויטש, גיבען ערגענצונגען צום בעריכט די פערוואַלטונגס-מיטגלידער: ה' מ. רייבענבאַך, קאַסרילעוויטש א. אנד. ס'ענטוויקעלט זיך אַ דיסקוסיע איבער'ן בעריכט, אין וועלכען מ'נעהמען אָנטייל די ה"ה: קאַגאַן, מאַשקאָוויטש, קויפמאַן, שפּאַרן, שטראַסבורג, נוימאַן, יאַנאָסעוויטש, קאַסרילעוויטש, רייבענבאַך, פּראָסט א. אַ. ס'ווערט אָנגענומען אַ צוטרוי-וואָטום פאַר דער פערוואַלטונג און דער פּסח אַקציע קאָמיסיע.

אין דער נייער פערוואַלטונג זענען געוועהלט: פּרעזעס — ה' מ. רייבענבאַך. אין פערוואַלטונג די ה"ה: ש. פיינער, י. שפּאַרן, ש. יאַנאָסעוויטש, וו. סקורא, ד"ר ע. גוטמאַן, ד. מאַנדעלבוים, א. ברייבאַרד, ל. לאַסמאַן און מ. שטראַסבערג. אין רעוו. קאָמיסיע: ד"ר א. גיביאַנסקי, ק. סוראַלסקי, ד. מאַראַנציק, ג. ליכטענשטיין און ס. נוימאַן. אין חברים גערכט: ז. פּערסיק, אינזש. פּ. לינדער, ס. פרומעס, מ. וויינבערגער און ד. דיקמאַן.

די קאָנסטיטואירונג פון דער פערוואַלטונג האָט געגעבען פאָלגענדען רעזולטאַט: אַלס וויצע פּרעזעס — ה' י. שפּאַרן, סעקרעטאַר: ל. לאַסמאַן, קאַסירער: ד. מאַנדעלבוים.

דער בעזמאַן-אָוועגד אין „פילהאַרמאָניע"

מאָרגען, דינסטאַג ד. 11 יוני, קומט פאָר אין „פילהאַרמאָניע" אַ גרויסער קינסטלער אָוועגד, געווידמעט דעם אָנדענק פון דעם נישט לאַנג פערשטאָרבענעם יודישען טעאַטער דירעקטאָר און פערדינסטפולען טעאַטער פּיאָנער איסר בעזמאַן.

דער פערשטאָרבענער איז געווען אַ זעהר פּאָפּולערע פיגור אין דער יודישער טעאַטער וועלט, בעקאַנט און באַליבט אומעטום, וואו מען שפּילט יודיש טעאַטער. איבער 40 יאָהר האָט ער אַלס מיטגלידער און דירעקטאָר געדינט דער יודישער ביהנע קונסט אין לייד און פרייד אַזוי צו זאָגען, מעהר אין ליידען, נאַטירליך, ווי אין פריידען, דען די 50 יאָהר יודישע טעאַטער געשיכטע, וואָס זענען איצט אַריבער זייט גאָלדפאַדענס ערשטע „פאָרשטעלונגען", זענען פאַקטיש געווען אַ לאַנגע קייט פון ליידען און יסורים, מאָראַלישע און פיזישע, און פון אַ פערצווייפעלטען קאַמף פאַר די רעכט פון יודישען טעאַטער און פון דער יודישער ביהנע קונסט אויף אַן אייגענע עקזיסטענץ. עס איז געווען אַ קאַמף אויף צוויי פראָנטען אַזוי צו זאָגען: פון אינווענדיג איז געגאַנגען דער קאַמף געגען די אַסימילאַטאָרישע טענדענצען און געגען דעם אינדיפערענטיזם פון א פּובליקום, וואָס האָט געהאַט אַ קנאַפּע בעדערפעניש אין אַן אייגענער קולטור, על כל פנים אין אַן אייגען טעאַטער, און פון דער אַנדערער זייט, פון דרויסען הייסט עס, האָט מען געמוזט מיט כל המינים קונצען און דריידלען בעקעמפען די צאַריסטישע רעפּרעסיעס און רדיפות אויף יודיש און אויף יעדע התחלה וואָס האָט געהאַט דעם ציל צו בעפרייען דאָס יודישע טעאַטער פון אויסנעצוואונגענעם „דייטש מעריש" און אוועקצושטעלען עס אויף אַ זיכערען סטאַבילען יסוד.

און אָט אין דעם שווערען קאַמף פאַר דעם ביסעלע קולטור, וואָס די יודען אין רוסלאַנד האָבען נאָך געהאַט דעם מוט צו פאָדערן פאַר זיך, האָט דער פערשטאָרבענער איסר בעזמאַן צוזאַמען מיט די אַנדערע פּיאָנערען פון דער יודישער טעאַטער קולטור גענומען אַן אַקטיווען און אינטענסיווען אָנטייל, ער האָט גרויסע קרבנות געבראַכט פאַרן יודישען טעאַטער, קרבנות אין געלד, אין כחות, אין ענערגיע, ער איז געווען איינער פון די געצעהלטע, וואָס האָבען אין די סאַמע קריטישע צייטען אויסגעטראָגען דאָס טעאַטער אויף זייערע פּלייצעס, אַזוי צו זאָגען דערהאַלטען עס ביים לעבען, אַ דאַנק די בעזמאַנס עקזיסטירט היינט דאָס טעאַטער, אַ דאַנק זיי האָט זיך עס ענטוויקעלט.

איסר בעזמאַן איז איינינגע און צוואַנציג יאָהר טעטיג געווען ביים יודישען טעאַטער אין לאָדז, וואו ער איז געווען זעהר באַליבט און פּאָפּולער, ער איז געווען נישט נאָר אַן אויסגעצייכנעטער דירעקטאָר און געשעפטס פיהרער, אַן איבערגעגעבענער טעאַטער מאַן, נאָר ער האָט שטענדיג מיטגעהאָלפען צו הויבען די קינסטלערישע זייט פון טעאַטער. די לאָדזער האָבען איהם נישט ווענייג צו פערדאַנקען געהאַט (בעזונדערס ווען ער איז טעטיג געווען ביים גרויסען טעאַטער) וואָס אין דעם דאָזיגען טעאַטער איז נישט איין אויפפיהרונג קינסטלעריש געשטאַנען העכער פון די דורכשניטליכע פאָרשטעלונגען פון דעם דאָזיגען באמת אויסגעצייכנעט דיריגירטען טעאַטער.

איסר בעזמאַן, וועלכער האָט אַ פערמעגען פערטכלעוועט אויפ'ן יודישען טעאַטער, איז געשטאָרבען אין גרויסער נויט.

זיינע פריינד און רי אַלע, וואָס שטעהען נאָהענט צום יודישען טעאַטער, ווילען נישט פערגעסען דעם דאָזיגען פערדינסטפולען טעאַטער מאַן, און אָט די פריינד זיינע ווידמען זיין אָנדענק אַ ספּעציעלען אָוועגד, וועלכער קומט פאָר מאָרגען אין „פילהאַרמאָניע".

דאָס פּראָגראַם פון אָוועגד איז פילזייטיג און אינטערעסאַנט צוזאַמענגעשטעלט, א חוץ דער אויפפיהרונג פון אַ קורצער פּיעסע ווייזט אויך דאָס פּראָגראַם אַ מוזיקאַליש וואָקאַלישען טייל, וועלכער נעהמט אַרום אַ גאַנצע רייהע אינטערעסאַנטע נומערן: מוזיק, געזאַנג, רעציטאַציעס א.אז.וו.

אין דעם אָוועגד בעטייליגען זיך די בעסטע אַרטיסטישע קרעפטען פון לאָדזער יודישען טעאַטער צוזאַמען מיט דער באַליבטער זינגערין און שוישפּילערין זינאַ גאָלדשטיין, וועלכע איז איצט געקומען צוגאַסט פון אַמעריקאַ. אויך דאָס לאָדזער פּוילישע טעאַטער וועט פערטראָטען זיין אין דעם פּראָגראַם דורך איינינגע אַרטיסטען:

עס איז צו האָפען, אַז די ברייטע שיכטען פון דער לאָדזער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע האָבען געקענט דעם דירעקטאָר בעזמאַן און פערשטעהען ווי צו שעצען די לאַנגיעהריגע אומדערמידליכע און קרבנותפולע טעטיגקייט פון דעם דאָזיגען פערדינסטפולען טעאַטער-מאַן, וועלען מאַכען צאָהלרייך בעזוכען דעם קינסטלער-אָוועגד, וואָס ווערט איינגעאָרדענט צו זיין אָנדענקען אין „פילהאַרמאָניע".

Dr. REICHER

פּאָלודניאָווא 28, טעל. 93-201

ספּעציאַליסט

פאַר מענער-שוואַכע-בעהאַנדלונג.

ספּעציעלע בעראַטונגען און פּסיכאָ-אַנאַליזען

נאָכט אָן פון 8—11 און פון 5—8 אָוונער

משומדים

ר. איזראַעל

ספּעננעד שפּאַננענדער ראָמאַן פון היינטיגען יודישען לעבען

(35

— די דאַמע האָט אַ זעהר גוטע כונה, דערין בין איך איבערצייגט, האָט חנה געזאָגט. איך ווייס אָבער נאָך נישט, צי איך וועל איהר פאָרשלאָג אָננעהמען.

מרדכי האָט געשוויגען אַזוי ווי פריהער און האָט נישט געוואָלט פרעגען וואָס דאָס איז פאַראַ פאָרשלאָג, כדי ער זאָל נישט דאַרפען אַרויסווייזען זיין נייגעריגקייט און זאָל זיך נישט דאַרפען פערראַטען מכוח זיינע געפיהלען, וועלכע ער האָט געהאַט פאַר חנה'ן.

חנה'ן האָט דאָס אויפפיהרען זיך פון מרדכי'ן אַריינגעטריבען אין אַמביציע. זי האָט פאַר איהם נישט געוואָלט ווייזען, אַז זי איז אונבעהאָלפען און קען זיך אַליין קיין עצהץ נישט געבען. זי האָט נישט געוואָלט ווייזען, אַז זי איז אָנגעוויזען אויף מרדכי'ס עצה און האָט געזאָגט.

— אויב דו אינטערעסירסט זיך אַזוי ווענינג מיט דעם דאָזיגען ענין, וועל איך דיר מעהר נישט דערצעהלען. איך בין אַליין אַ דערוואַקסענער מענש. כ'האָב מיינע לעבענס-אַנשויאונגען און מיינע פּרינציפּען. איך האָב זיך געוואָלט מיט דיר משואל-עצה זיין אַזוי ווי מיט אַ חבר, אויב דו פערלאַנגסט דאָס נישט, וועסט דו מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב ביי דיר אַביסעל צייט פערנומען און כ'האָב דיר דעם קאָפּ פערדרעהט מיט נאַרישקייטען...

— געוויס, געוויס ביזט דו אַ זעלבסטשטענדיגער מענש. איך האָב נישט קיין טענות צו דיר. דו האָסט דיינע אייגענע לעבענס-פּרינציפּען. איך וויל זיך ווירקליך נישט אַריינמישען דערין און ס'איז איבריג דאָס וואָס דו ווילסט מיר דערצעהלען.

חנה האָט זיך געפיהלט בעליידיגט פון מרדכי'ס לעצטע ווערטער און צו זאָגען איהם אַן איבריג וואָרט, איז חנה אַוועק איבערלאָזענדיג איהם איינעם אַליין אַ פערטראַכטען און אַ פערטרויערטען.

קאַפּיטעל 11

די ים-רייזע

סטעפאַן קאַרטשינסקי איז געשטאַנען אין דער געביידע, וועלכע דינט פאַר די פּאַסאַזשירען וואָס פאָהרען דאָ טעגליך אָפּ מיט די שיפען אין פערשידענע וועלט-טיילען.

ער איז געווען שטאַרק מיד. נאָך די איבערלעבענישען אין פּוילען, וועלכע זענען געקומען נאָכ'ן איבעררייסען מיט אידאַ'ן און דאַן נאָך אידאַ'ס פערשוואונדען ווערען און זיין פערבונדען מיט דער פּאָליציי און מיט דעם הער מאַריאַן בוסקא, וועלכער איז עפּעס געווען גאָר שטאַרק פעראינטערעסירט אין דעם ענין, האָט סטעפאַן געפיהלט, אַז זיינע נערווען וועלען שוין לאַנג נישט אויסהאַלטען. היות ווי ס'איז געווען אורלויב-צייט און סטעפאַן האָט נאָך זיין אורלויב נישט געהאַט אויסגענוצט, האָט ער בעשלאָסען איצט אַוועקצופאָהרען אויף אַ חודש-צייט צו זיין ברודער קיין לאָנדאָן. דאָרט פּולשטענדיג זיך אויסרוהען און זיך בעפרייען פון דעם קאָשמאַר, אין וועלכען ער האָט זיך געפינען. אַזוי האָט ער טאַקע געטון און איצט איז סטעפאַן געשטאַנען מיט זיין וואַליזע אין האַנד און געוואַרט ביז מ'וועט אַרויסלאָזען די פּאַסאַזשירען צו דער שיף, וועלכע האָט געאַנקערט אין פראַנצויזישען פּאָרט.

די שטימונג איז געווען אַ שרעקליך אונרוהיגע אויף דעם שטיקעל וועג, וועלכעס סטעפאַן האָט געדאַרפט אַדורכמאַכען, מיט דער שיף, זענען די לעצטע 3 טעג פאָרגעקומען אונאויפהערליכע שיף-קאַטאַסטראָפען, וועלכע האָבען זיך מיט גאָרנישט געלאָזען ערקלערען. עפּעס אַזוי ווי די ערד היינטערן וואַסער וואָלט געציטערט און פערניכטעט די שווימענדע קאָלאָסען אויף דער אויבערפלאַך.

דער קאַפּיטאַן פון דער שיף, מיט וועלכער סטעפאַן האָט געדאַרפט אָפּשווימען, האָט זיך אַרומגעדרעהט ביים פּאָרט און האָט בעגריסט יעדען איינציגען פּאַסאַזשיר, וועלכער האָט זיך בעוויזען, כדי אַריינצוגעהען אין דער שיף. יעדע ווייל איז צו איהם צוגעגאַנגען אַן אַנדערער פּאַסאַזשיר פרעגען, צי ס'איז נישט קיין געפאַהר צו פאָהרען מיט דער שיף. צוליב די לעצטע מוראדיגע קאַטאַסטראָפען אויף דעם שטח. אויך סטעפאַן האָט געפונען פאַר נויטיג צוצוגעהען צום קאַפּיטאַן און פרעגען:

— וואָס טראַכט איהר, הער קאַפּיטאַן, וועגען דעם אַלעם, צי איז נישט פאַראַן קיין מורא צו פאָהרען היינט אין וועג אַריין?

— וואָס זאָל איך זאָגען? אַ טייל פּאַסאַזשירען האָבען אויס מורא זיך שוין צוריקגעצויגען פון דער רייזע. דאָס איז דאָך אָבער נאָר אַ צופאַל.

— אַ צופאַל, וועלכער חזרט זיך אָבער איבער צו אָפט, האָט סטעפאַן געזאָגט.

— אויפ'ן ים געפינען זיך טויזענדער שיפען. נישט אַלע געהען דאָך אונטער. נאָך וואָס זאָלען מיר טראַכטען. איך האַלט, אַז אונזער רייזע וועט גלייכליך פערביי. מיר פאָהרען מיט אַ גרויסער און שעהנער שיף. זייט רוהיג מיין הער.

די זיכערקייט פון קאַפּיטאַן און זיין צוטרוי האָבען בערוהיגט סטעפאַנען הגם טיף אין זיינע געדאַנקען איז געבליבען אַ געוויסע מורא.

אַרום און אַרום איז געווען שטאַרק טומלדיג. אין וואַרט-זאַל, נעבען דעם טאָוועל, וואו ס'ווערען פערעפענטליכט די לעצטע ים-בעריכטען האָבען זיך געזאַמעלט גרופּעס מענשען, מיט פערזאָרגטע פּנימ'ער. געוויסע מענשען, קענערס אין ים-ענינים האָבען דיסקוטירט, זשעסטיקולירענדיג מיט די הענד פיל פּאַסאַזשירען האָבען זיך געווענדעט צו דער קאַסע און געפאָדערט צוריק דאָס געלד פאַר די געקויפטע בילעטען.

ביי דער טאָוועל האָט זיך ווידער פערזאַמעלט אַ גרויסע גרופּע מענשען, מ'האָט דאָרט אויסגעהאָנגען צוויי נייע דעפּעשען, פון אַ פראַנצויזישער קוועלע. איין דעפּעשע האָט דערצעהלט, אַז ס'איז אויף דעם וועג ווידער געזונקען אַ גרויסע שיף און די צווייטע וועגען אונטערגאַנג פון אַ קליין פישער-שיפעל.

די דאָזיגע ידיעות האָבען אַרויסגערופען אַ פּאַניק און פערצווייפעלטע אויסגעשרייען. מ'האָט זיך ווידער געוואָרפען צו די קאַסע-פענסטערלעך. מ'האָט בעלאַגערט די קאַנצעלאַריע פון דעם פּאָרט-לייטער און פון די בעאַמטע. צוויי הונדערט פּאַסאַזשירען זענען אַרויף אויף דער שיף, כדי אָפּצונעהמען זייער באַגאַזש, וועלכער איז שוין געשטאַנען אויף דער שיף און טומלדיג זענען זיי מיט דער באַהן צוריקגעפאָהרען טיף אין לאַנד אַריין, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיכער געווען, אַז אויב זיי וועלען פאָהרען היינט מיט דער שיף וועלען זיי קיין לעבעדיגע נישט דערפאָהרען.

אַרום סטעפאַנען האָט זיך פערשטאַרקט דער טומעל און דאָס גערודער. ס'זענען פאָרגעקומען טראַגישע און גלייכצייטיג קאָמישע סצענעס. בעזונדערס איין סצענע האָט אויף איהם געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק, בעזונדערס דערפאַר, ווייל זי איז פאָרגעקומען צווישען זיינע לאַנדסלייט, פּאָלאַקען. דאָס איז געווען אַ פאַמיליע, וואָס איז בעשטאַנען פון אַ פאָטער, מוטער און 6 קינדער. דאָס יונגסטע איז אַלט געווען קוים עטליכע חדשים און איז געשלאָפען אויף דער מוטער'ס האַנד. די מוטער האָט געבעטען איהר מאַן מיט טרעהרען.

— זאָלען מיר בלייבען, דו זעהסט דאָך די קינדער... קיינער צווינגט דאָך אונז נישט.

— ניין, מיר קענען נישט בלייבען אַפילו קיין איין שעה, מיין טייערע, דו האָסט דאָך געלייענט דעם בריף פון מיין שותף, דערביי זעה איך נישט קיין שום סיבות, צוליב וועלכע כ'וואָלט געדאַרפט מורא האָבען צו פאָהרען. ס'איז אַלץ נאָר אַ צופאַל...

— איך בעט דיך!... איך האָב אַזאַ שלעכט פאָרגעפיהל...

— ווילסט דו, אַז איך זאָל אַליין פאָהרען?

— ניין, דאָס קיינמאָל נישט.

סטעפאַן האָט נישט געהערט דאָס ווייטערדיגע געשפּרעך, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט פערגעסען דעם אויסגעשריי פון דער ליבענדער פרוי און דעם אויסדרוק פון דער מוטער'ס וועהטאָג, וועלכע האָט מיט איהר בליק אַרומגענומען די 6 קינדער, אַזוי ווי אַ פויגעל, וועלכער נעמט אַרום מיט זיינע פליגלען זיינע נייע אויסגעפּיקטע פויגעלעך.

(פאָרטזעצונג קומט)

לאנדאנער-פאקט ווערט פערשענערט

לויט דער איניציאַטיוו פון די פאכטער און אייגענטימער

אין צוזאמענהאנג מיט דער ידיעה, אז עס איז דורך די מאַסגעבענדע פאַקטאָרען קוועסטיאַנירט געוואָרען דער סאַניטאַרער און עסטעטישער מצב פון דעם לאַנאַרד פלאַץ (גייערס מארק), דאַר ווייסען מיר זיך, אז די פאַכטער פון די בוידען און האלעס אויף דעם דאָזיגען פלאַץ, האָבען אונטער־גענומען שריט צו רעמאָנטירען אָט אַ דעם גאַנצען האַנדעלס צענטער און צו דערפיהרען איהם צו דער עסטעטישער מדריגה, ווי עס דאַרף אַזאַ מין צענטער אויסזעהן אין אייראָפּע.

דער אייגענטימער פון פלאַץ האָט מיט גרויס אינטערעס זיך אָפּגערופען אויף דער איניציאַטיוו און האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט מיט צו העלפען אין די אינוועסטיציעס, כדי דער פלאַץ זאָל בעקומען דעם געהעריגען סאַניטאַרען מצב און אַן עסטעטישען אויסזעהן.

גרויסער ערפאלג פון זינא גאלדשטיין

אין טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי"

אין טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי" טרעט איצט אויף די בעריהמטע פרימאַדאָנע זינא גאָלדשטיין, וועלכע איז בעקומען צו גאַסט קיין לאָדז. די די־רעקציע פון „ראָזמאַיטאָשטשי" האָט זי בעוואויגען צו געבען עטליכע גאַסטשפּילען ביי אונז אין לאָדז.

דער יודישער טעאַטער־עולם, וואָס געדענקט די בעליבטע זינא גאָלדשטיין פון די צייטען, ווען זי האָט געשפּילט אין לאָדז, האָבען דערום מיט גרויס שפּאַנונג דערוואַרט איהר אויפטרים אין לאָדז.

צו דער פּרעמיערע איז געשטעלט געוואָרען די אָפּערעטע „זי האָט ליב" אין וועלכער זי שפּילט די ראָל פון ציגיינער־מעדעל. ווי נאָר דער גאַסט האָט זיך בעוויזען אויף דער ביהנע, האָט אויסגע־בראָכען אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטען. מ'האָט אין איהר געזעהען די אַמאָליגע זינא גאָלדשטיין, זי האָט דעם עולם איבערראַשט מיט איהר טעמ־פּעראַמענט, מיט איהר האַרציגער קלאַנגפולער שטימע. יעדעס לידעל האָט געמוזט ביסירט ווע־רען. ס'איז דערום קיין חידוש נישט. וואָס איהרע גאַסטשפּילען אין לאָדז, האָבען אויסגערופען אַזאַ שמאָרקען אינטערעס ביים לאָדזער יודישען טעאַ־טער עולם.

ס'בלייבט צו ווינשען, אַז אונזער פּלעמענג ליבלינג, זינא גאָלדשטיין, זאָל אונז מהנה זיין מיט נאָך עטליכע אָפּערעטען פון איהר רעפּערטואַר.

מעלדונג

זאַמעל־טאָג לטובת „נותן־לחם"

כדי צו אָרגאַניזירען דעם זאַמעל־טאָג, וואָס „נותן־לחם" האָט מאָנטאָג דעם 17־טען יוני ווערט יאויף מאָרגען 8 אָווענד אין לאָקאַל פון דער יו־דישער אינטעליגענטען קוך גערופען אַ גרויסע פערזאַמלונג פון אַלע מיטגלידער, סימפּאַטיקער פון דער אָרגאַניזאַציע.

הויפּטזעכליך ליגט אַ חוב אויף די יודישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען לעצטענס גענאָסען פון דער הילף, וואָס „נותן־לחם" האָט געגעבען זייערע מיטגלידער, מאַסענווייז צו קומען צו דער פערזאַמלונג און צושטעלען רשי־מות פון זייערע מיטגלידער, וואָס ווילען דעם טאָג מיטאַרבייטען לטובת דעם „נותן לחם".

מופטי'ס אינטריגעס געגען ענגלאנד

([illegible])

דער עמיר שאקיב ארסלאַן אוועק קיין זשענעווע פון דאָרט האָט ער אויפגענומען א טור איבער אייראָפּע און אמעריקע, דאָן האָט ער אויך געגרינדעט די „סי־ריש פאלעסטינישער דעלעגאַציע" וועלכע האָט גע־צויגען געלד פון דער גאַנצער וועלט, בעזונדערס פון אמעריקע, פון די רייכע אראַבער אין אמעריקע.

און אז עס האָט זיך געביטען דער אראַבישער פּראָנט און עס איז געשטעלט געוואָרען די פראַגע וועגען זוכען פערבינדונגען אויסער ענגלאַנד — איז נאַטירליך אז דער עמיר שאקיב ארסלאַן האָט זיך אָנ געשטויסען גלייך אויף איטאַליען. און מוסאָליני האָט נאָר געוואַרט אויף אזא געלעגענהייט.

און אלס רעזולטאַט פון דער ערשטער בעגעגע־ניש צווישען מוסאָליני און דעם עמיר איז געקומען צו א „אָפּמאַך". וועגען וואָס איז דער אָפּמאַך און אויף וועלכע יסודות ער איז געמאַכט געוואָרען, איז נאָך נישט בעוואוסט; דער עמיר שרייבט נישט דעם מופטי וועגען דעם. נאָר אָט איז דער בריף אליין:

„נאָך דעם ווי איך האָב זיך אומגעקעהרט פון דער נסיעה, וועגען וועלכער איהר ווייסט און עס איז שוין צעהן טעג זינט איך האָב אייך געשיקט מיין ענט־פער, וואָס אנטהאַלט בעמערקונגען וועגען דער אטאַ־קע אויף אייך, וואָס איך האָב בעמערקט אין דער א־ראַבישער פּרעסע פון פאלעסטינע, ווייל איהר האָט נישט ארויסגעוויזען קיין פיינטליכע שטעלונג קע־גען די ענגלענדער. ווייל וואָס אנבעלאַנגט די ענג־לענדער וועט נישט העלפען נישט קיין חנפענען זיך, נישט קיין כאַבאַר און נישט קיין פּאָליטיק. און מען דאַרף צו זיי נישט קומען מיט קיין שפּיל, ווייל עס זענען נאָך נישטאָ אַזעלכע שפּילער, ווי זיי. אויף זיי קאָן מען נישט ווירקען נישט מיט קיין עפּיהלען און נישט מיט קיין בעווייזען, דער ענגלענדער פערשטעהט נישט קיין ווייכע שפּראַך, די איינציגע שפּראַך וואָס ער פערשטעהט, איז ווידערשטאַנד. דעריבער גלויב איך, אז אייער קלעפּען זיך צו דער ענגלישער פּרעינט־שאַפט, וועט אראָפּוואַרפען אייער פּרעסטיזש נישט נאָר ביי די פאַלעסטינער, נאָר אויך ביי אַנדערע פעל־קער, און אויב צו דעם צילען אייערע שונאים, — בעסער העלפט זיי נישט, און פערשטעהט מיין וואונק.

„איך ווייס נישט אויב דער ברודער איהסאַן אל רזשאַברי (ארסלאַנס מיטהעלפער אין דער דעלעגאַ־ציע) האָט אייך מודיע געווען, וואָס עס איז בעשלאָסען געוואָרען צווישען מיר און די רעגירונגס לייט, אין רוים וועגען דעם ענין, וואָס מיר האָבען בעהאַנ־דעלט אין מעקאַ, און איהם בעשטעטיגט אין ירוד־שלים, איצט וועל איך אייך זאָגען, אַז איך בין גע־ווען זעהר צופרידען פון דער לעצטער בעגעגעניש. און פון די צוזאָגען, וואָס מוסאָליני אליין האָט מיר געמאַכט, איך בין זיכער, אַז איטאַליען וועט נישט וואַגען צו בעציהען זיך צו אונז אזוי ווי עס האָבען זיך צו אונז בעצויגען ענגלאַנד אָדער פראַנקרייך.

„יעדענפאַלס איז געמאַכט געוואָרען אַנ'אָפּמאַך וועגען א פּראָפּאַגאַנדע פאַר איטאַליען אין די אראַבי־שע לענדער אזוי שנעל ווי מעגליך. ווייל מוסאָליני האָט מיר געזאָגט, אז ער האָט מורא פאַר א וועלט־קריג, און אויב די זאַכען וועלען פון איצט אָן נישט זיין צוגעגרייט אין דער געהעריגער מאָס איז מעגליך, אז עס וועט פערלוירען געהען יעדע נוץ, וואָס מיר דערוואַרטען.

„מוסאָליני האָט מיך געפרעגט וועגען אייער פּער־זענליכער בעציהונג צו דעם עמיר אבדולאה, איך האָב אָבער נישט געפינען פאַר פּאַסיג צו מאַכען איהם פאַר א שותף פון אונזער זאַך. האָב איך געענטפערט, אז דער עמיר איז א געוועהר אין ענגלישע הענט און מען קאָן נישט דערוואַרטען קיין גוטס פון איהם, בע־זונדערס ווי עס מעלדען די פאַלעסטינער צייטונגען, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אין נאשאשיבים אָרעמס און איך וועל אייך נאָך שרייבען וועגען וויכטיגע זאַכען"....

היינט און פאלג. טעג!

קראַנג־קינאָ CAPITOL זאַוואַדזקאַ 16

היינט פּרעזענטירען מיר די פּרעכטיגע שעהנהייט JEAN HARLOW אין דעם עראָטישען זיטען־פילם א. נ.

„בעשאַפען צום קושען"

אין די איבריגע ראָלען, Lionell Barrymore, Lewis Stone

אויסער'ן פּראָגראַם: די נייעסטע אַקטואַליטעטען.

אָנהייב פון די סעאַנסען: אין געוו. טעג 4 נאָכמ. שבת און זונטאָג 1.30 בייטאָג

Inż. A. RUSSAK
געשוואוירענער איבערזעצער
פאַר די פראַנצויזישע, רוסישע, יודישע און העברעאישע שפּראַכען
(אין בעצירק פון אַפּעלאַציע־געריכט)
נאַרוטאָוויטשאַ 47, טעל. 245-08.
די קאַנצעלאַריע ערלעדיגט אויך דאָקו־מענטען אין דייטש ענגליש, איטאַליעניש.

פאַר גאָלד, ביזשוטעריע און לאַמבאַרד־קוויטעס
צאָהלט די העכסטע פּרייזען
י. קאַפּעלוש,
לאָדז. פּלאַץ וואָלנאָשטשי 10
פּר. ערשטער שטאָק. טעל. 226-51

Dr. med. Niewiażski
ספּעציאַליסט פאַר טריפּער, סיפיליס און הויט־קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער־שוואַכע
אַנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40
פּראַגמ. 1־טער שטאָק.
נעהמט אָן פון 8—11 און פון 5—9 אָוו.
זונטאָג און יום־טוב פון 9—1 פאַרמיטאָג.
בעזונדערער וואַרטע־זאַל פאַר פרויען.

סאַנאַטאָריום
אין כעלמי
פאַר דערוואַקסענע און קינדער
איז ווידער געעפענט!
שטענדיגע ערצטליכע בעהאַנדלונג. פאַר.
ציגליכע ריטועל־דיעטעטישע קוך און אַלע בעקוועהמליכקייטען. מעסיגע פּרייזען!
צו ערפאַהרען אויפ'ן אָרט און אין לאָדז טעלעפ. 122-60 און 127-81.
לונגען־ליידענדע ווערען נישט אָנגענומען.

Uzdrowisko Włodzimierzów
pięknie urządzony
Pensjonat „ZAKOPIANKA"
pód zarządem p. Birmana.
ערשטקל. כשר'ע קוך, ווי אויך דיעטעטישע. הערליכע זוניגע צימערן מיט וועראַנדעס. אייגענער וואַלד, ווי אויך אייגענער פּאַרק.
15 מאָרגעס אויבסט־גאָרטען.
הערליכע יזאַשעס ביי דעם פליסענדען טייך LUCZĄŻA ערשטקלאַסיגע בעדיענונג!
אויך צו פערדינגען הערליכע אויסמעבלירטע זומער־וואוינונגען ריין־שטובינע און שטובען מיט קיכען ביי ה. בירמאַן.
7871

ד"ר העללער
ספּעצ. פאַר הויט און וועגערישע קראַנקהייטען און מענער־שוואַכע
8 טראַוגוטאַ 8, טעל. 179-89
נעמט אָן פון 8—11 און פון 4—8 אָוונט
זונטאָג פון 10—12 מיטאָג.
פאַר פרויען אַ ספּעציעלער וואַרטע־זאַל.
אונבעמיטעלטע — למעשניצע־פּרייז!

Dr. med. Z. DATYNER
אוראָלאָג
ספּעצ. פאַר נירען, בלאָז און אורין־קראַנק.
ZACHODNIA 59a, tel. 148-95
נעהמט אָן פון 2—3 און פון 6—8 אָוו.

Dr. Med. J.Schlosser
כירורג
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
צעגעלניאַנאַ 30 טעל. 122-16
נעהמט אָן טעגליך פון 4—7 אָוו.

ד"ר ס. קאַנטאָר
ספּעצ. פאַר הויט און וענערישע קראַנקהייטען (מענער־שוואַכע)
פּיעטריקאָווער 90
טעל. 129-45.
נעמט אָן פון 8—2 נ"מ און פון 6—9 אָוו

Dr. med. M. TAUBENHAUS
ספּעציאַליסט
פאַר אַקושעריע און פרויען־קראַנקהייטען
פערהיטונג געגען שוואַנגערשאַפט
זגערזשער 11, טעל. 246-09
נעמט אָן פון 4—8 אָווענד.

Dr. med. D. Frid
אינערליכע קראַנקהייטען
האָט זיך איבערגעצויגען
אויף זאַוואַדזקאַ 16a
פּראָנט 1 שט. טעל. 224-78
נעמט אָן פון 9—10 און פון 5—7 אָוו.

Dr. med. GUSTAW KOHN
געוועזענער אַסיסטענט פון דעם גינעקאָלאָגישען קליניק אין פּאַריז
(ספּעצ. פאַר פרויען־קראַנקהייטען און שוואַנגערשאַפט).
דיאַטערמיע, עלעקטראָקאָאַגולאַציע.
נעהמט אָן איז לאָדז
פּילסודסקיעגאָ 51, טעל. 170-03
נעהמט אָן פון 8—10 און פון 4—6 נאָכמ

סקיינע אנאנסען
1 זלאָטי
אנאנס ביז 15 קילאָגראַם

ראַקאַלע
צו פערמיטען אַ שטוב מיט אַ קיך מיט אַלע בעקוועהמליכקייטען ביי בעקערמאַן ברזשעזשינער 11.

א לעצט צימער פון זאָפאָרט צו פערדינגען פאַר אַנ'אַנשטענדיגע פאַמיליע אָדער אויף א ווערקשטעל. 11, ליסטאָ־פּאַדאַ 18, רעכטס, ערשטער איינגאַנג, דריטער שטאָק.
8098

פערשידענעס

אכטונג, פאַבריקאַנטען! פאַר אַ פּאַסטעך גיב איך 5 שפּינערס פון קאַמגאַרן בוימוואָלענע מיט קרעדיט, אָפּפערטען אונטער „S. A. P."
8088

א ראַדיא־אַפּאַראַט 3 לאַמפּיגע מיט אַ לויקסוסאָוועס גלאַשניק פּרייזווירדיג צו פערקויפען פּיעטריקאָווער 28, וואָהנ. 45. צו זעהען פון 8—10 אָווענד.

יעדען קוואַנטום ציגעל ביליג, גוט און זאָפאָרט צו ליפערן. טעל. 235-57.

א שטולמאַשין אויף 12 שפּינדעל אין גוטען צושטאַנד צו פערקויפען. — פּולנאָצנאַ 11, וו. 20, ביי באַטשאַן.

Zaginiony został kwit kaucyjny z Elektrowni Łódzkiej na imię Bajla Lewi, Śródmiejskiej 73

ס'ווערט געזוכט אַ קוואַליפיצירטע נייהערין צו קאָמפּיעלוביקעס. ס'קען אויך זיין ביי מיר אין שטוב צו נייהען. צו ערפאַהרען פּאָלודניאָווא 7, וו. 25.
6608

מאָדערנע. ברוך־קראַנקע!
ליידענדע אויף פערשידענע רופּטורען, פערקרימונגען פון רוקען־ביין, פיס און הויקערס!
אַ הילף און אַ רפואה!
ביי ווינקעל, נאַפּעל, בויך און קיסבראָכען אויך אין געפעהרליכסטען צושטאַנד ביי מענער, פרויען און קינדער. ספּעציעלע הילף ביי פרויען, מוטערברוך, מאָגען און נירען־ברוך!
ברוך־ליידענדע! איהר קענט געזונד ווערן אָהן בלוטיגע אָפּעראַציעס און געפאַהר! פערנאַכלעסיגט נישט אין ראַטעוועט אייער געזונד כל־זמן ס'איז נאָך צייט, ווייל דער ברוך ווערט גרויס ווי אַ מענשען־קאָפּ, די קישקעס ווערען פערדרעהט און מ'קען בראַנדיג ווערען. דורך מיין מעטאָדע ערפונדענע ספּעציעלע גומי־הייל־באַנדאַזשען, וועלכע האַלטען צו די גרעס־טע פערנאַכלעסיגטע געפעהרליכע ברוכען און בעזייטיגען ראַדיקאַל מיט גאַראַנטיע. מיין ספּעציאַליטעט איז אויך: הייל־אַפּאַ־ראַטען און גאָרסעטען נאָך דעם סיסטעם פון פּראָפעסאָר ד"ר האָפּפא, ד"ר העססינג און קאַללאָט. געגען אַלערליי פערקריפּלונגען, פערקרימטע פלייצעס, פיס, הויקערס ווי אויך שמערצענדע פלאַט־פיס. פאַר אַמפּו־טירטע אינוואַלידען אַ מעריקאַנישע קונסט־פיס (סאַלאָן־אַרבייט).
ביים אָראָפּלאָזען זיך פון מאָגען, קישקעס און געבירט־מוטער, עמפּפעהל איך ספּעציעלע הייל־באַנדאַזשען לויט דעם סיסטעם פון פּראָפ. ד"ר גלענאַרד.
דער אמת'ער בעריהמטער איז גאַנץ פּוילען פון אוניווער־זיטעטס־פּראָפעסאָרען אָנערקענט
ספּעציאַליסט Ortoped NATAN RAPAPORT
מיט 30־יעהריגער פּראַקטיק אין ווין, דייטשלאַנד און לעמבערג, נעמט אָן פון 9 פריה ביז 1 בייטאָג און פון 3 ביז 7 אָווענד
אין לאָדז, פּילסודסקיעגאָ № 23
פערזענליכעס ערשיינען פון קראַנקע ביי מיר איז אונבעדינגט נויטיג.
דאַנקזאַגונג.
איך דריק אויס מיין האַרציגען דאַנק דעם ה' ספּעציאַליסט פאַר ברוך־ליידענדע, אָרטאָפּעד. דיר. נאַטאַן ראַפּאַפּאָרט, וואוינהאַפט פּילסודסקיעגאָ 23 פאַר די רעטונג פון אַ גרויסען ברוך, און אַ דאַנק דעם פערלעגען אַ ספּעציעלען היילגומי־באַנדאַזש לויט זיין מעטאָדע פיהל איך מיך היינט גאַנץ געזונד און צו דער אַרבייט פעהיג.
מיט אַכטונג דוד גאָלדבערג.

אַבאָנעמענט־פּרייז פאַר אַ מילימעטער־שורה
מאָרגען טעקסט—18 גר. פּריוואַט און קרבן־יו"ט—24 גר. אין דער [illegible]
אין טעקסט—40 [illegible] 4 [illegible] 60—
אָפּען טעקסט—12 [illegible] 16—
[illegible] 50 [illegible] 100 [illegible] 10 גר. [illegible]

[illegible] 20 גר. [illegible] (אין דער זייט) [illegible] 15 [illegible] 10 גר.

אַבאָנעמענטס־פּרייז: אין לאָדז [illegible] אויף דער פּראָווינץ — 5 זל. אַ חודש; אין אויסלאַנד 7 זל. אַמעריקע—1 דאָל.

מאַנוסקריפּטען, וועלכע ווערען נישט געדרוקט, ווערען נישט צוריקגעשיקט; די רעדאַקציע איז נישט פעראַנטוואָרטליך פאַר דעם אינהאַלט פון די אַנאָנסען [illegible]

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i P. Wajntraub Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.